בס"ד

שנה ג'
נומער קמ"ג
**פרשת כי תבא לאומאן**
תשפ"ב

# קריית ברסלב בוגל

א בריוו פונעם
ראש ישיבה
שליט"א:

**אין אומאן קען מען פועל'ן ישועות שלא כדרך הטבע.**

צוגעלייגטע
אפטיילונג:

**קורצע שטריכן ארויסגענומען פון "אשר בנחל" לכבוד ראש השנה.**

# קארגע וואך צו אומאן ראש השנה תשפ"ג




**פרייליכע חתונה אין ישיבה פון החתן יודא אייזנער הי"ו - ג' כי תצא**

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן,
אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער ארייַנצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## זמנים Liberty

פרשת כי תבא כ"א אלול תשפ"ב

הדלקת הנרות.........06:48
מוצאי שבת............08:16

מנחה מעריב נצבים ... 07:55



## א בריוו
א וואָרט לזכרו פון ר' יודעלע וויינשטאק ע"ה
5



## צום פינטל
אפשאצונג איף די פארלוסט פונעם בריטישער קעניגן
6



## שטעטל נייעס
פרישע קלאסן אין די מוסדות
11



## היכל הקודש נייעס
נייע סידי "איך בין נישט אליין" ארויסגעקומען
12



## נקודות טובות
אונזער ראש ישיבה הייסט נישט זיך גט'ן
18



## בילדער אפטיילונג
שמחות אין די קהילה
33

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה אין שטעטל

**מו"ה נחמן נתן בוים הי"ו**
**וזוגתו סימא תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך ארויסגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה אשר קרויס הי"ו**
**וזוגתו פערל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל.

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 16 | 66°/44° | | Mostly Sunny |
| Sat 17 | 69°/49° | | Mostly Sunny |
| Sun 18 | 74°/55° | | Partly Cloudy |
| Mon 19 | 73°/56° | | Scattered Thunderstorms |
| Tue 20 | 72°/53° | | Partly Cloudy |
| Wed 21 | 73°/54° | | Partly Cloudy |
| Thu 22 | 73°/51° | | Partly Cloudy |
| Fri 23 | 69°/50° | | AM Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אלע'ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א

# בריוו צו די רעדאקציע

**הערליכע זומער אין מחנה אילן החיים**

לכבוד מערכת קרית ברסלב בלעטל

איך האב זייער אסאך צו שרייבן וועגן די הערליכע זומער אין מחנה אילן החיים ברסלב.

עס קען נעמען צוואנציג דרייסיג זייטן צו באשרייבן ווי שיין ס'איז געווען צו זיין אין די הייליגע פלאץ, וואס איז געבויט אויף צו געדענקען יעדע מינוט אז דער אייבערשטער איז דא און איך קען רעדן צו אים וואס איך וויל, ווען איך וויל, ווי אזוי איך וויל.

אבער ס'איז דא דריי נעמען וואס איך מוז באדאנקען שוין יעצט, איך קען עס נישט אפלייגן. די ערשטע איז ר' שלמה יאקאבאוויטש נ"י. דער איד ווייסט נישט וואס ער טוט אויף. די ערשטע זאך איז אז איך האב באקומען אזוי סאך עסן פון אים אז ס'איז געווען לכאורה ווי האלב פון מיין געווענטליכע גראסערי ביל. די צווייטע זאך, די געקאכטע עסן העלפט זייער אסאך ארויס מיט די הויז-ווירטשאפט. פשוט, מ'שפארט זיך אזוי סאך צייט און ארבעט פון קאכן און באקן. די דריטע זאך, די טריק וויאזוי מ'פארדעקט די גאנצע זאך אז ס'איז נישט דא אזא זאך אז איינער איז ארעם אדער נעבעכדיג, מ'מאכט עס מיט א חכמה אז יעדער קומט נעמען און קיינער ווייסט נישט ווער איז ארעם ווי די נאכט און ווער איז



געשטאפט מיט געלט, אלע קומען צו שלומי'ס הויז אזוי ווי מ'גייט צו עפעס א געשמאקע מסיבה, מ'שמועסט, מ'לאכט, און מ'גייט אוועק מיט פולע באקסעס. אסאך ארגאניזאציעס וואלטן זיך געמעגט לערנען ביי שלומי ווי אזוי מ'קען מיט'ן גרעסטן כבוד געבן צו עסן פאר מענטשן וואס האבן נישט קיין פרוטה אחת.

די אנדערע צוויי נעמען וואס איך קען נישט ווארטן צו דערמאנען איז ר' מנשה איצקאוויטש נ"י און ר' בערל לעווי נ"י, איך דארף זיך פשוט באדאנקען פאר זיי פאר'ן זאגן תורה יעדע וואך שבת, מנשה האט געזאגט שלש סעודות תורה, שיין, הערליך, דערקוויקענד, און אויך געמאכט זיכער אז מ'ענדיגט צייטליך אן קיין צעגערונגען. און בערל לעווי האט אזוי שיין פארגעלערנט אינדערפרי ביי סיפורי מעשיות, אזוי שיין ארויס געברענגט לעובדא ולמעשה, ממש א מחי'! א שטאלץ פאר היכל הקודש ארויסצוגעבן אזעלכע פירות! בערל האט זיך נישט וואס צו שעמען פאר די גרעסטע פאפולערסטע מגידים בדורינו. כ'האב יעדע וואך געזען וואס דדער הייליגע רבי זאגט "דאס האב איך גע'פועל'ט ביים אייבערשטן, אז מ'וועט זיך דערמאנען אין מיר וועט מען האבן א הרהור תשובה".

משה ארי' שניטצלער - וויליאמסבורג

**די ברסלבע'ר קרוין האט אים אויפגעוועקט**

איך האב געלערנט אין ישיבה א שיינע פאר יאר איך האב מיך ברוך השם אנגעזאפט מיט די שיינע עצות, מעביר סדרה זיין, רעדן צום אייבערשטן, און אזוי ווייטער, די אלע שיינע עצות וואס דער ראש ישיבה לערנט מיט אונז, אבער אזוי

ווי יעדע זאך וואס ליגט און ווערט פארשטויבט, בין איך אויך שוין א לענגערע צייט נישט געווען ביי א שיעור, אדער געהערט די שיינע לעכטיגע דיבורים.

איין טאג בין איך געפארן אויף די 17 אויפן וועג ארויף צו די קעטסקילס, און איך זע צווישן די קאר'ס וואס פארן אויף די הייוועי אפאר קאר'ס נאך מיר פארט א שיינע אפ טו דעיט ווייסע פיקאפ טראק, און... צוויי שיינע ברסלב'ע קרוינען זענען ארויפגעקלעבט אויף די צוויי פענסטער'ס פון אונטן, עס האט מיר געגעבן א שאקל, עס האט מיר געגעבן א וועק אויף, איך האב מיך דערמאנט: אוי טאקע איך דארף כאפן א משניות, איך דארף רעדן אביסל צום אייבערשטן, איך דארף עפעס ארייינכאפן פאר מיין אייביגע לעבן.

מ. פ.

## דער ייטב לב איבער די תיקון הכללי

בענין וואס עס איז געווען אהין און צוריק די לעצטע פאר וואכן, איבער דעם סאטמאר'ער רבינ'ס התקשרות צום ברסלב'ן רבי'ן, איך ווייס נישט וואס עס איז א חידוש היינט, און איך קען נישט גלייבן אז עס זאלן זיין סאטמאר'ע חסידים וואס זאלן זאגן פארקערט, איך ווייס נישט צו עס איז געווען נאך אזעלכע צדיקים קדושים וטהורים וואס זענען געווען אזוי דבוק אין ספרי ברסלב ווי דער הייליגער ייטב לב זי"ע, דער קדושת יום טוב זי"ע, און רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע, אין אונזערע צייטן איז עס געווען א דבר פשוט, ווער געדענקט דען נישט די תהילים'ליך וואס זענען געווען געדרוקט ספעציעל פארן בית המדרש אין רבי'נס צייטן איז געשטאנען דארט אין אנפאנג בשם דעם יטב לב זי"ע אז ווער עס וויל האבן א תיקון אויף חטאות נעורים זאל זאגן די קאפיטלעך פון הייליגן רבי נחמן זי"ע, עס איז דא תיקונים פון אלע צדיקים, און דער הייליגער ייטב לב האט נישט געטראפן פאר וויכטיג צו זאגן קיין שום תיקון פון קיין שום צדיק נאר פון הייליגן רבי נחמן זי"ע.

כהנה וכהנה זענען פארהאן אזויפיל קראנטע מעשיות, און וואס דארף מען נאך מער ווי דער ספר הקדוש ויואל משה, וואס דער רבי האט עס פארעכענט פאר א הלכה ספר, דער רבי ווארפט זיך נישט מיט קיין מימרות פון צדיקים, עס וואונדערט מיר ווי מיר זענען אנגעקומען בשפל המדיגה אז עס איז קוים אריבער פערציג יאר זינט דעם הסתלקות פון רבי'ן און אין סאטמאר זאל מען קענען אויסטרעפן אזעלכע שקרים לעיני השמש, אוי נא לנו כי חטאנו.

נ. כ. - קרית יואל

## די איינציגסטע פארזיכערסטע פלאץ איז אין אומאן

די רויע מאטריאל פון פאריגע וואך איז שוין גארנישט אזוי רוי, עס איז גוט געקאכט און געבאקן מיט פעפער און זאלץ, עס איז א סעודה שלימה, מען קען זיך אראפזעצן עסן, יעדע ווארט האט דאך אזא געשמאק.

חוץ וואס דער שרייבער ברענגט ארויס אזוי שטארק דאס פאלטשקייט וואס איז באהאלטן אונטער די שלייער פון די אידישע מידיא, איז מיר געפאלן די אמת'ע ווערטער וואס ער ענדיגט צו, אוי איז ער גערעכט, ער שרייבט דארט אז א מענטש איז נישט פארזיכערט אין קיין שום פלאץ אין די וועלט, איז אויב עפעס אנטלויפט מען צו א ציון פון א צדיק וואס האט צוגעזאגט צו העלפן און פארשרייבן א גוט יאר.

עס איז דאך אזוי אמת דאס וואס ער שרייבט אויפן שפיץ גאפל, ווער האט זיך געקענט אויס'חלומ'ן א קאראנא, ווער האט זיך געקענט אויס'חלומ'ן אזא טראגעדיע אין מירון, ווער האט זיך געקענט פארשטעלן אז א בנין וואו הונדערטער אידן האבן זיך אויפגעהאלטן זאל איבערנאכט חרוב ווערן און ליידער מיטנעמען אזויפיל קרבנות, וואו איז מען סעי"ף, מען קען דאך אין די 'פארזיכערטע' ניו יארק, אין איין מינוט ווערן אויס זיכער, אין די 'פארזיכערטע' ארץ ישראל אין

די 'פארזיכערטע' פלארידא, אין די 'פארזיכערטע' אמעריקע, זאכן געשעהן יעדן טאג, און מען זעט ווי דער אייבערשטער היט אונז ממש יעדע רגע, נו וואו איז פארזיכערט אויב נישט אין אומאן.

יישר כח פאר די ארטיקל.

ב. ב.

עס איז נאך דא אסאך צו רעדן וועגן דעם חשוב'ן איד, דאס איז נאר אזוי אויפן שפיץ גאפל.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מען זאל שוין נישט הערן פון קיין שלעכטס, עליה השלם כל הקרבנות כולם.

יוסף י. וו"ב - ווילאמסבורג

## צוויי ווערטער איבער די טראגעדיע פון דאס אומקום פון ר' יודעלע וויינשטאק עליו השלום

לכבוד מערכת קרית ברסלב.

צוויי ווערטער לזכרו פון ר' יודעלע וויינשטאק משב"ק ביי אדמור"י סאטמאר, איך האב זייער גוט געקענט ר' יודעלע איך בין פערזענליך נאנט געווען מיט אים, איך קען זאגן עס איז מיר זייער א שטארקע ווייטאג די טראגעדיע וואס עס האט פאסירט מיט אזא נאנטער חבר, אבער איין זאך קען איך זאגן וואס איך האב מיטגעהאלטן ביי אים, אז אין אלע זיינע פראבלעמען און צרות וואס ער האט נאר מיטגעמאכט איז ער שטענדיג אנטלאפן נאר צום אייבערשטן, ער האט יעדן טאג ארויסגעכאפט צו ענדיגן דעם ספר תהילים, לעצטענס פלעגט ער אפילו ענדיגן יעדן טאג צוויי מאל ספר תהילים און זיך דארט גוט אויסגעבעטן פאר אלעס וואס ער האט געדארפט.

אויך איז וויכטיג ארויסצוברענגען די שטארקע געפיל וואס ער האט געהאט צום ברסלב'ן רבי'ן, זיין זון פלעגט פארן אויף אומאן ראש השנה און אסאך יארן האט ער באצאלט די שפעזן אז זיין זון זאל קענען פארן קיין אומאן, דער זכות פון הייליגן רבי'ן זי"ע וועט זיכער מגין זיין אז ער זאל אנקומען צו זיין אייביגע רוה, כמבואר בספרי קודש ווי אלע נשמות זענען מקנא א איד וואס האט א זון אויף די וועלט וואס לערנט דאווענט און טוט דעם רצון השם, איז דאך אודאי אז ער האט איבערגעלאזט קינדער וואס גייען צום מקום קודש הקדשים דעם הייליגן רבי'ן וואס ער האט צוגעזאגט אלעס צו פארעכטן - וועט אים דאס זיכער מגין זיין.

## קאמענטארן אויף די "צום פינטל" ארטיקל

פארגאנגענעם וואך ביי "צום פינטל" ארטיקל איז געשטאנען וועגן דעם וואס מען שאצט וויפיל מענטשן עס זענען דא אין אומאן, האב איך מיר דערמאנט א וויץ וואס מען פלעגט נאכזאגן אין דער אלטער היים, אז איר ווילט קענט איר עס אריינלייגן אלס א בריוו צו די רעדאקציע.

אין דער אלטער היים איז אין א געוויסע שטאט געווען דריי אידישע נייעס באריכטער, מאכט זיך אמאל אז איינע פון די קהילות האבן פאררופן א אסיפה, די אנדערע קהילה האט - מילד געערדט - נישט אזוי מיטגעשטימט מיט די פארזאמלונג, עס האט זיך געקאכט, די שטאט איז געפארן אויף רעדער עס איז געווען א עולם! עס איז נישט געווען א עולם! עס איז געווען געפאקט! עס איז געווען ליידיג! אבער אלעס האט זיך אפגעשטעלט ווען די צייט שריפט איז ערשינען יענעם מיטוואך נאכמיטאג און אויף די קעפל שרייט אויס מיט גרויסע קידוש לבנה אותיות "איבער הונדערט טויזענט אידן זיך פארזאמעלט..."

אבער דער קומענדיגער אינדערפרי איז די אנדערע צייט שריפט ערשינען מיט גרויסע קידוש לבנה אותיות "קרוב צו צען טויזענט אידן זיך באטייליגט". מענטשן זענען ארומגעגאנגען צומישט וואס גייט דא פאר.

אבער פרייטאג איז אלעס פארענטפערט געווארן ווען דער דריטער צייטונג וואס איז געווען מער דער נייטראלער צייטונג איז ארויס געקומען מיט גרויסע אותיות "ניינציג טויזענט מענטשן פארלוירן געווארן איבערנאכט..."

# צום פינטל.

## אפשאצונג אויף די פארלוסט פונעם בריטישער קעניגן.

אלע אידן פרייען זיך צו גלאנצן מאראנצן... וואס? איך הער גוט? וואס זינגט ער דארט אינעווייניג? דו קענסט הערן די ווערטער פונעם ניגון? איך מיין אז איך דארף שוין סיי ווי אריינגיין, קומסט אריין? גראדע א שיינע חתונה, זייער לעבעדיג, מיר שטייען דא ווי נאראנים אינדרויסן אין די רעגן א שאד נישט אריינצוגיין, ניין? שמועסן קען מען דאך א צווייטע מאל אויך.

איך שטיי אינדרויסן פון זאל, איך האב נישט געכאפט אז איך האב זיך פארשמועסט מיט א חבר, שוין לאנג נישט געטראפן, מיר האבן געלערנט צוזאמען אין ישיבה. פאר מיר איז דער חתונה גראדע גאר א נאנטע משפחה חתונה, מיין שוואגער מאכט חתונה זיין ערשטע קינד, מיין חבר איז א קרוב פון די כלה'ס זייט, ער איז א ערשטע קאזין צום מחותן, איך האב שיין פארברענגט מיט אים ביי די סעודה, געשמועס אלטע זכרונות, די גוטע צייטן אין ישיבה, און אסאך זאכן וואס זענען שוין אריבער זייט דעמאלט, איך האב אלעמאל געהערט אז ער איז שיין מצליח אין פרנסה, ער האט פיין חתונה געהאט, מיין ווייב פלעגט זיך האלטן נאנט מיט זיין ווייב אין די יארן נאך אונזער חתונה, א וואוילע שטוב.

אינמיטן די שמועס האט זיך די טאן געטוישט, איך האב געזען אז עס איז נישט עפעס אזוי ווי עס גלאנצט אינדרויסן, עפעס ווייטאגליך ליגט אים אין הארץ, איך האב אים געכאפט ביי די הענט, מיר זענען ארויס פון זאל כאפן אביסל פרישע לופט, אינדרויסן האט ער זיך מיר אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ.

אוי! ווי האב איך מיך געקענט פארשטעלן אין וויסטן חלום אז ער מאכט מיט אזא צרה,

וואס האב איך אים געקענט זאגן, מער פון מחזק זיין האב איך אים נישט געקענט, איך האב אים געזאגט די עצות פון רבי'ן וואס איך הער פונעם ראש ישיבה, איך האב אים געזאגט ער זאל יעדן טאג אנשטעלן א סטא"פ וואט"ש, א טיימע"ר, פאר זעכציג סעקונדעס זאל ער בעטן דעם אייבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף זיין זון וואס גליטש אים נעבעך אוועק, און אויף זיין טאכטער וואס גייט נעבעך אויך שוין אין די זעלבע וועג, אוי איז דאס ווייטאגליך צו הערן, איך האף אז ער האט מיך געפאלגט, איך האף אז ער וועט יעדן טאג נעמען איין מינוט אויסשמועסן מיטן אייבערשטן די גאנצע פרשה וואס ער מאכט מיט, דאס וועט אים זיכער העלפן.

ער דערציילט מיר וואס ער האט נעבעך געהאט א קורצע צייט צוריק: "מיין בחור, א וואוילער בחור'ל, האט א גוט קעפל, ער לערנט פיין, ער גייט אין ישיבת ... אין ברוקלין, ער גייט



שוין ארויס פון שטוב יעדן טאג פינף אזייגער פארטאגס, ער לערנט מיט א חברותא איידער ישיבה הייבט זיך אן, אזוי האב איך געמיינט ביז יענעם טאג ווען ער איז עפעס פארשלאפן, איך האב אים פרובירט צו וועקן, די זייגער רוקט זיך עס איז שוין אכט אזייגער, איך האב מיך נישט געקענט פארשטעלן פארוואס ער שלאפט נאך אריין ביז אזוי שפעט, איך האב געשריגן, געהאקט, איך האב אנגעצינדן מוזיק, און דא איז די פאטש געקומען...

איך באקום א טעלעפאן רוף פון די פאליציי סטאנציע איך זאל שוין אריבערקומען, עס איז נישט קיין ערנסטע זאך, עס איז א קליינע עקסידענט, אבער זיי דארפן וויכטיג רעדן צו מיר וועגן מיין זון. מיין זון? מיין זון איז דאך נאכנישט אויפגעשטאנען, איך הייב אויף די דעקע צו זען וואס אזוינס עס גייט דא פאר, איך בין כמעט געפאלן חלשות, א ליידיגע בעט, עס ליגט דארט א דאמ"י, איך שטיי שוין צוויי שעה און איך וועק... און איך וועק... און איך וועק... און ער איז ניטאמאל דא! די קאפ האט זיך מיר גענומען דרייען, אה! ער גייט לערנען מיט א חברותא פינף אזייגער פארטאגס? איך האב נישט געוואלט טראכטן, און איך האב נישט געקענט טראכטן וואס דא טוט זיך, מיין וועלט איז מיר חרוב געווארן. די עיקר שאלה וואס מיר נאגט, וואס טוט זיך בכלל מיט אונזער קינדער, פארוואס איז אזוי ליידיג אינעווייניג, איך זע שוין מיין טאכטער זיך ציען צו לינקס, ווער ווייסט מיט וועמען זי חבר'ט זיך, קען מען דען נאכגיין א קינד פיר און צוואנציג שעה, פארוואס געשעט די אלע צודרייטע זאכן, פארוואס פאלט שטיקער פון כלל ישראל, פארוואס נאך אזויפיל אסיפות, קול קורא'ס, כינוסים, איז ביי אונז ליידיג, וואס גייט פאר מיט אונז, וואס פארפעלן מיר, די שאלה איז געבליבן הענגען אין די לופט, אבער דער מאדנער ניגון האט געראטעוועט די סיטואציע".

די מאדנע ווערטער פון די ניגון האט אונז צוריק געברענגט צו די חתונה, מיר זענען צוריק אריין אין זאל, עס האט געקאסט א גוטע לאך, מיר האבן פשוט נישט גוט אויפגעכאפט די ווערטער פונעם ניגון, גראדע גאר א לעבעדיגע ניגון, איך האב מיך אריינגעשטעלט אין רינג און זיך געהויבן צוזאמען מיטן עולם, דער רבי זאגט דאך אז טאנצן נעמט אוועק אלע דינים, איך האב מיטגעטאנצן אין רינג אויף דעם נייעם 'עליונים ששו', עס איז גאר געשמאק געווען די טאנץ, פאר סיי וועלכע סיבה האט זיך עפעס געהערט די ווערטער פונעם ניגון: "אלע אידן פרייען זיך אינגאנצן, צו טאנצן" ווי ער וואלט געזאגט עפעס אזוי ווי גלאנצן... מאראנצן... שוין! מאכט זיך ביי די שענסטע משפחות... איך וואלט קיינמאל נישט געמאכט קיין עסק פון דעם טעות ווען נישט דער גאר אינטערעסאנטער עפיזאד וואס האט נאכגעפאלגט.

**מען האט געענדיגט די ערשטע טאנץ.** די דארפסט קענען מיין שוואגער, ער איז נישט אבי ווער, ער גייט ארויס אינדערפרי מיטן קאווע אין די האנט, די שאאל געבט ער אזא ווארף צו די הונטערוויילעכץ... מעשה עושר... איך ווייס... אפשר גאר מעשה פליפער... פרעג נישט קיין קשיות, דאס איז די סטייל ביי די יונגע אנזעצערס... נאכאמאל... ער קען זיך עס עפארדן... פארוואס דען נישט, די באנק געטרויעט אים מיט זייער'ס א טעסל"ע... א שאד ס'זאל בלייבן שימלען ביים דילער. ווייסט וואס נאך, די וואוילטעטיגע ארגאניזאציע 'טשעיס' האט אים געספאנסערט די עכטע בלומען צום חתונה, אויף האבן זיי שטארק ארויסגעהאלפן אז דאס ווייב זאל זיך קענען אויפנייען א גאר עלעגאנטענע חתונה קלייד... דארפסט אים קענען, ער מיינט נישט קיין שלעכט,



ער ווייסט פשוט נאכנישט וואס לעבן איז, נישט אז איך ווייס יא, אבער אזוי פיל יא, איך דריי מיך נעבן 'געזונטע' מענטשן, איך האב אסאך חברים פון 'היכל הקודש', זיך דרייען צווישן נארמאלע, האט א גוטע השפעה, מיין קאפ האט נאך א שאנס צו טראכטן אמאל גראד.

על כל פנים איך גיי נישט יעצט ליצנות מאכן פון די פארשעמטע ענין פון חתונה מאכן אויפן חשבון פון טשעיס, דיסקאווער, קעפיטאל וואן, אין אנדערע וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס... אבער... פריידט אייך נאכנישט, עס קומט דערוואייל נישט קיין ארטיקל איבער דעם ענין פון נארמאלע... חתונות. נישט געזארגט! איך וועל נאך בעזר השם אמאל צוברייטערן דאס פעדער איבער דעם נושא... ווען איר וועט שפירן אז איר טראגט שוין נישט אריבער די שווערע בויך וויי פון אזויפיל לאכן דעמאלט וועט איר וויסן אז מיר האבן זיך אנגעהויבן מטפל זיין מיט די נושא פון נארמאלע חתונות... יעצט צילן מיר גאר עפעס א אנדערע פארווייטאגט ענין, די מעשה האט זיך פשוט פונקט אפגעשפילט ביי מיין שוואגער'ס חתונה, האב איך דיר געגעבן אביסל די בעקגראונ"ד פון מיין שוואגער.

**איז מעשה שהיה כך היה,** אזוי ווי מיר האלטן שוין כמעט ביים ענדיגן דעם ערשטן טאנץ, די וועיטער'ס ברענגען שוין אריין די בריעדיגע הייסע אייז קרעים... מיט די אייז קאלט געפרוירענע מזונות... די פליישיגע קאווע... מיט חלב ישראל פיינעפל קעיק... פון דערווייטענס זע איך שוין ווי עס קומט אריין א טאץ פיינע פרוכט, די מאראנצן האבן טאקע געפינקלט און געגלאנצן... די שפייעכץ איז מיר שוין גערינען אין מויל, אזוי ווי די טאנץ ענדיגט זיך גיי איך מיך אפשיילן א פרישע זאפטיגע מאראנץ...

מה עשה הקדוש ברוך הוא, כמעט שוין ביים סוף טאנץ האט איינע פון די גאר היציגע רינגען בטעות אריינגעבעקט אין... יא צוגעטראפן... אריין אינעם טיש ווי עס זענען געווען אזוי עלעגענט אויסגעלייגט די מאראנצן... אבער וואונדער איבער וואונדער... עס זענען נישט געפלויגן קיין מאראנצן... אפס... די טאנץ האט זיך געענדיגט, יעדער האט זיך אריענטירט, אויסגעגליכענט די בעקישטע, אראפגעצויגן די פארריקטע ציצית, זיך אביסל אפגעווישט די שווייס, און מיר שטייען אין באטראכטן די מאדנע ספעקטאקל וואס עס האט זיך יעצט דא אפגעשפילט, די וועיטער'ס שטייען נאך צוטומלט, עס זענען גאר קיין מאראנצן ניט... דאס האט א פאכמאנישע פארט"י פלענע"ר אזוי שיין צוגעשטעלט, זי האט אויסגעהוילט די מאראנצן פון זייער אינהאלט, אריינגעלייגט אייסעס, דערנאך צוריק צוגעמאכט ביידע זייטן פון די אראנדזש שאלאכטץ, מען קען ממש נישט דערקענען אז מען האט ארומגעשפילט דערמיט, ממש ווי מצה געים... וואס די קינדער דערנעווירן דערמיט גאנץ פסח: 'געס אויב ס'איז צובראכן'... בעפאר דעם האט מען נישט געקענט חלומ'ן אז דאס זענען נישט קיין מאראנצן. א פאלטשע וועלט, דאס זענען פשוט האלטערס פאר די פיינע געמאקע אייסעס, א וואונדער אז די פרוכט האבן אזוי געגעלאנצט... דאס זענען טאקע געווען געגלאנצטע מאראנצן... און אינעווייניג אייסעס, זייער פאכמאניש צאמגעשטעלט, אינדרויסן קענסטו נישט חלומ'ן אז דאס זענען נישט קיין עכטע אראנדזשן...

איך האב מיך איבערגעבליקט מיט מיין חבר, עס איז געווען זייער ווייטאגליך און טרעפליך די ווערטער וואס איך האב אים פונקט פריער געזאגט איבער די מצב פון זיינע קינדער, איך האב אים געזאגט: "עס איז נישט דיין זון, עס איז נישט דיין טאכטער, דאס איז נעבעך די ביטערע גלות, מענטשן קריכן אויף גראדע ווענט, אבי נישט צו הערן א שיעור פון אמונה, מען וועט טון אלע עצות און סגולות אבי נישט צו נעמען א בריוו, א גליון, א בלעטל, ווי עס שטייט אמת'ע ווערטער ווי אזוי מען קען אריינברענגען דעם אייבערשטן אינעם אייגענעם לעבן, און אין דאס לעבן פון די יונגווארג, קענסט

רעדן טויזענט דרשות, התעוררות, אויב עס איז נישט דא קיין אינהאלט, אויב באקט מען נישט אריין קיין אמונה, דער אייבערשטער איז דא, דער אייבערשטער האט מיך ליב, דער אייבערשטער לאזט יא, לאזט נישט, דער אייבערשטער ארויף דער אייבערשטער אראפ, ניגונים פון אייבערשטן, אמונה אויף פראסט אידיש, קענסטו נאכלויפן דיינע קינדער פיר און צוואנציג שעה, ער האט נישט קיין אמונה פארוואס זאל ער היטן שבת, פאר וועמען, ער טוט די מצות אזוי לאנג ווי עס גלאנצט פון אינדרויסן, און עס איז זייער ווייטאגליך אז מען כאפט עס הערש ווען מען וויל אפשיילן די שאלאכטץ און מען ווערט געוואור אז עס איז ליידיג פון אינעווייניג, נישט דא קיין אינהאלט, אנשטאט פיינע פרישע נאטירליכע מאראנצן, געפינט זיך ארטיפישע"ל פלעווער"ד אייז קאלטע אייסעס, (נישט קאלט מיט א קמץ, וואלטן זיי געהערט צו דעם קולט, וואלטן זיי נישט געווען אינעווייניג ליידיג פון יעדעם אינהאלט, וואלטן זיי נישט געווען געפרוירן אייז קאלט אינעווייניג)".

איך האב אים געזאגט: "אונזערע טייערע מנהיגים זענען אמת'ע ערליכע אידן, זיי מיינען נאר דאס גוטס פון כלל ישראל, זיי מאכן אסיפות, זיי מאכן כינוסים, צאמקומען, מען האלט דרשות, מען זיצט און מען וועקט מען וועקט מען וועקט, אבער פונקט ווי דו האסט נעבעך געוועקט דיין זון פאר צוויי שעה, דו האסט ניטאמאל געוויסט אז ער געפינט זיך נישט אין בעט".

אידן זענען וואויל, אידן געבן זיך איבער בלב ונפש פארן באשעפער'ס וועגן, וועסט כסדר זען אין די בלעטער, מען נעמט צאם אלע בחורי חמד, יעצט מאכט מען א צאמקום פאר די פרויען, מען שרייבט און מען שרייט איבער די שעדליכקייט פון די טעכנעלאגיע, דא געבט א וואילער איד ארויס א בלעטל זייער שיין באמת הערליך איבער די מגושמ'דיגע אדווערטייזמענטס, איך באלעק מיך די פינגער דערמיט, דא איז דא א וואילער איד וואס געבט אויס שווערע געלטער פאר בילבארדס איבער שמירת עיניים, ישראל



קדושים, איך ווייס נישט וואס נאך, האט-ליינס ווי מען וועקט מען וועקט מען וועקט, אבער דאס קינד איז נישט אינדערהיים, די מעשה ה'אויפוועקן איז בעצם גוט, אבער דו טוסט עס אויף א טויטער מענטש!

קוק אויף דער ערד די צולאזטע אייסעס וואס רינט פון די מאראנצן, ביז אפאר מינוט צוריק האט קיינער נישט געקענט חלומ'ן אז עס איז א שיינע געגלאנצטע מאראנץ, די בילד אינדרויסן איז מורא'דיג, אלעס גייט אן מיט'ן פולסטן שטארקייט, אידישקייט בליעט, ביז עס געבט זיך א שאקל, און עס ווערט נעבעך הוברר הדבר למפרע אז לא דובים ולא יער, עס איז א שיינע קאמעדיע.

**און יעצט אפאר ווערטער צום טויט פונעם בריטישער קעניגן תרום הודה.**

דאס איז ממש מענינה דיומא דאס טויט פון בריטישן קעניגן, אוי פאטשט עס נעבעך אין פנים, עס גלאנצט, א פאלאץ, א קעניגן, גאלד און זילבער, אך די סאלדאטן מיט אזא דרך ארץ, עס בליטשקעט, אך ווי שיין זיי מארשירן יעדן טאג, מען געבט אפ כבוד מלאכים, וועסט זען יעצט ביי די באגרעבעניש צערעמאניע, אה וועט זיין א צערעמאניע וואס די וועלט האט נאכנישט געזען, פאר וועם? פאר א מעכטיגע קעניגן פון 'גרויס בריטיאנא', די קעניגן וואס געוועלטיגט אויף אלעס וואס אנבאלאנגט דאס בריטישע אימפעריע, אבער... נישט אויף קיין מענטשן, נישט

אויף קיין פאלק, זי איז געווען די מעכטיגע קעניגן, אפשר איבער די אייז, די וואסערן, די פיש, די בערן פון ריזיגע ב ר י ט י ש ע



טעריטאריעס, די פולע בריטישע אינזלען וואס טוען פיסטעוון אינעם ווייטן פארפרוינעם אטלאנטיק, אבער א פאלק, מענטשן וואס זאלן טון איין שריט אין זייער לעבן אנדערש ווייל עס איז דא א קעניגן, דאס איז נישט דא צום געפינען.

דאס איז די בעסטע הכנה צום 'המלך' וואס מיר גייען אלע שרייען ראש השנה, טראכט גוט צו דו ביסט טאקע ממליך דעם קעניג, אדער דו פארהערליכסט און די פארגלאנצט דאס אויסערליכע אויסקוק פונעם קעניגרייך? א פנים ווי דער מייעסטעטישע פאפיט קעניגן פון די בריטישע קעניגרייך.

פון די אנדערע זייט איז דאס די גרעסטע לימוד זכות אויף אידישע קינדער, ווען מען גייט יעצט דן זיין אידישע קינדער, אלע מקטריגים זענען דא, עס איז געפערליך, עס איז שרעקליך, אזא פוסטע ליידיגע דור איז נאכנישט געווען, עס איז נישט דא קיין אמונה, עס איז נישט דא קיין יסודות, עס איז נישט דא קיין עתיד, אויב היינט זענען דא פון די היימישע שארית הפליטה הונדערט וואס היטן נישט קיין שבת, עס גייט זיך נישט צוריקריקן, די נומערן גייען נאר אויף ארויף,

עס איז שרעקעדיג, מה אנוש כי תזכרנו, פארוואס זאלסטו האלטן כלל ישראל - שרייען אלע מקטריגים - ווען מען זעט נאר אז ביז אפאר יאר איז שוין נישט דא קיין שומרי תורה ומצוות, זיי מיינען אז זיי זענען מקטרג, זיי ווייסן נישט, אוי איז דאס א לימוד זכות אויף אידן, **אייבערשטער אידן זענען גוט, אידן זענען וואויל, דו ווילסט נאר עפעס איז אמור אל בני ישראל, אידן וועלן אלעס טון וואס מען הייסט זיי, אייבערשטער וואס זאלן אידישע קינדער טון אז מיר זענען ווי שאף אן א פאסטוך, איידער די ווילסט באשטראפן דיין פאלק געב א קוק, איז דא א מנהיג, איז דא איינער וואס געבט איבער פאר דיינע קינדער די ריינע און לויטערע אמונה, און אויב איז יא דא איינער וואס זאגט דעם דבר השם, לאזט מען אים לעבן? לאזט מען די קינדער הערן די ווערטער? אדער מען באהאלט אים! מען באגראבט אים! ער ווערט אוועקגעבלאזן; דאס איז פאר שוואכע, דאס איז א קולט, דארט טאר מען נישט גיין, אין די גליונות טאר מען נישט אריינקוקן, די בריוון טאר מען נישט ליינען, נו ווי אזוי ווילסטו הייליגער באשעפער אז מיר זאלן וויסן וואס צו טון, האב רחמנות אויף דיינע קינדער, לאז צו דאס ביסל וואסער צו דיינע אויסגעדארשטע קינדער, עס איז א שאד די אלע שווערע און ביטערע גזירות, עס איז א שאד אויפצואוועקן מיט צרות מיט יסורים, ער איז נישט דא, ער ווייסט נישט וואס מען וויל פון אים, גאט אין הימל אפשר ווילסטו פרובירן אז מען זאל לאזן אריינברענגען אין אידן אביסל אידישקייט, אוי ווערלן זיי לויפן צו דיר און דיך נישט אפלאזן.**

איך האב נישט געוואלט שרייבן פון דעם, אבער דאס איז עס, אז עס איז שוין געשריבן איז שוין געשריבן, און יעצט ווערלן מיר זיך אנשטרענגען מיט אלע כוחות צום **ת'הא ש'נת פ'ארפלייצן ג'ליונות**, מיר ווערלן זיכער מאכן אז יעדער איד ווייסט אז עס איז דא א לעבעדיגער קעניג, וואס האט אונז ליב, און היט אונז, און ווארט אז מיר זאלן א קרעכץ געבן צו אים: **רבונו של עולם איך וויל זיין גוט! און מיר ווערלן בעטן און מלמד זכות זיין אויף דאס אידישע פאלק וואס וואלגערט זיך אין גלות פאר צוויי טויזענט יאר, מיר ווערלן טענה'ן צום אייבערשטן, אידן זענען וואויל!**

# שטעטל נייעס

## אפדעיטס פון חדר און סקול אין שטעטל


קרעדיט: יצחק אייזיק ראטה

אינמיטן די ארבעט ביים נייעם בנין

ברוך השם עס האט זיך אנגעהויבן א פרישע זמן אין בית פיגא סקול קרית ברסלב ליבערטי.

געלויבט דעם אייבערשטן דאס יאר איז מען אריין אינעם פערטן יאר פון ווען מען האט געעפענט די מוסדות אין שטעטל, אנגעהויבן האט זיך עס מיט אפאר קינדער אין א בעיסמענט, און יעצט האלט עס שוין אז עס איז נישט דא קיין פלאץ אינעם עקזיסטירנדן בנין ווייל נאך און נאך פרישע משפחות ציען זיך אהער, וואס מיט דעם וואקסט אויך די צאל קינדער וואס קומען אריין אין די מוסדות. טאקע צוליב דעם האט מען יעצט צום נייעם שנת הלימודים צוגעלייגט צוויי פרישע קלאסן אין סקול, כדי צו קענען אויפנעמען אלע פרישע תלמידות וואס זענען צוגעקומען.

אזוי אויך ביי די תלמוד תורה פלאנט מען צו האבן פרישע קלאסן צום קומענדיגן שנת הלימודים וואס הייבט זיך אן גלייך נאך יום טוב סוכות, דער ראש ישיבה האט אהער געשיקט אין שטעטל גאר געלונגענע מלמדים וואס האבן גאר גוטע ערפארונג וויאזוי צו מחנך זיין די קינדער אויפ'ן וועג וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט, וואס זיי וועלן ווערן אויפגענומען צום פרישן זמן, און וועלן אריינבאקן אין אונזער קינדער א געשמאק אין אידישקייט, און אויסלערנען אז וואס מען דארף נאר קען מען בעטן פונעם אייבערשטן אליין.

אזוי ווי אלע האלטן מיט האט מען אפגעקויפט א פרישן בנין הארט נעבן דעם ביז יעצטיגן בנין המוסדות, וואס דארט ווערט יעצט צוגעגרייט נאך קלאסן און אויך א גרויסע לאנטש רום פאר די אינגלעך, כדי עס זאל זיין פלאץ פאר אלע קינדער פון די מוסדות.

אויך וועט דארט זיך אריבערציען די אפיסעס פון די מוסדות, וואס פון די אפיסעס ווערט געפירט אלע חדרים און מיידל שולעס וואס איז אינטער מוסדות היכל הקודש ברסלב בנשיאות הראש ישיבה שליט"א.

מיר האפן און מיר בעטן דעם אייבערשטן אז דעם קומענדיגן זמן זאל זיין גאר א געלונגענער זמן נאך שענער און בעסער ווי ביז אהער, אלע קינדער זאלן מצליח זיין גאר שיין, אלע זאלן וויסן אז דער אייבערשטער איז מיט זיי יעדע מינוט, און דער ראש ישיבה זאל קענען זעהן נחת פון יעדן תלמיד און תלמידה באזינדער.

עס איז כדאי אראפצוברענגען א קליין שטיקל פון א בריוו פונעם ראש ישיבה וואס ברענגט ארויס גאר שטארק ווי וויכטיג עס איז די חינוך פון די קינדער זיי זאלן אויסוואקסן הייליג און ערליך.

*שטארק זיך, שטארק די מלמדים, שטארק די קינדער; און די קינדער, און די חינוך - האבן מיר גארנישט. מיר זעען אלע פארנומען מיט צענדליגער שיינע זאכן אויפצוטון אויף די וועלט, אבער די חינוך הבנים והבנות - דאס דארף זיין אונזער שווארץ אפעל פון אויג; גארנישט שטייט העכער פון דעם.*

אזוי אויך שרייבט דער ראש ישיבה אין א אנדערע בריוו צו א מלמד:

*איך בעט דיר זייער, זיי נישט מוותר אויף קיין איין קינד, יעדע קינד איז אן עולם מלא, עס גייען ארויסקומען פון אים דורות; לייג אריין מידות טובות ויראת שמים.*

היכל הקודש
# נייעס

אמעריקע

## נייע סידי אין די סעריע פון טאנץ מיט אמונה מיט'ן נאמען "איך בין נישט אליין" שוין דא צו באקומען




מיט גרויס שמחה נעמען אנשי שלומינו אויף די נייעס אז דער נייער אלבום "איך דארף נישט קיינעם" איז שוין ארויסגעקומען. דאס איז שוין די פערטע אין די סעריע פון "טאנץ מיט אמונה" אלבומס, די ניגונים זענען נישט סתם ניגונים, דאס זענען ניגונים פון התבודדות; רוב ניגונים זענען געמאכט געווארן ביים שמועסן מיט'ן אייבערשטן, און בשעת'ן בענקען צום אייבערשטן.

די נייע סידי "**איך בין נישט אליין**" האט צען ניגונים, הערליך אראפ געזונגען דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א מיט די באגלייטונג פון גאר פראפעסיאנאלע מוזיק, מענער און קינדער כארס, און אלע ניגונים זענען פול מיט חיזוק אויף אלע נקודות וואס מען לערנט אין היכל הקודש.

דער ערשטער ניגון "**תפילה**". דער ניגון דערמאנט אז מען זאל וויסן אז עס איז דא מיט וועם צו שמועסן, "דער באשעפער הערט מיך אויס, איך בין נישט אליין, איך האב וואו צו גיין, דער באשעפער הערט מיך שטענדיג אויס".

דער צווייטער ניגון איז "**תורה**". דער ניגון איז געבויט אויפ'ן שיחה אין שיחות הר"ן, סימן עו; דאס גרויסקייט פון לערנען, "**אין צריכין בלימוד רק האמירה**", דער עיקר איז לערנען, זאגן די ווערטער פון תורה, אפילו אן פארשטיין.

דער דריטער ניגון איז "**שלום בית**". דער ניגון זאגט אונז וואס איז אן עובד השם? דער וואס העלפט אין שטוב. ווער איז אן ערליכער איד? דער וואס פירט זיך מיט שלום און מיט ליבשאפט אין שטוב.

דער פערטער ניגון איז "**אמונה**". דער ניגון זאגט אונז וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיר זאלן חזר'ן אמונה, אלעס איז דער אייבערשטער; דאס בארואיגט פון אלע שרעקעדיגע נייעס וכדומה.

ניגון נומער פינף איז "**ממלא כל עלמין**". דער ניגון ברענגט ארויס דאס שייכקייט פון לעבן מיט'ן אייבערשטן, ווען מען ווייסט אז דער אייבערשטער איז ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין, אין שום מציאות מבלעדיך יתברך כלל, ובכל תנועה ותנועה שם אלופו של עולם. עס איז גארנישט פארהאן אויסער דער אייבערשטער. מוהרא"ש זאגט, דער ניגון וועט משיח זינגען מיט די גאנצע וועלט, יעדער וועט וויסן אז אלעס איז נאר אייבערשטער, די גאנצע בריאה איז אייבערשטער.

דער זעקסטער ניגון איז "**תיקון הכללי**". דער ניגון שרייט אויס די עצה און תיקון פאר ווער עס איז נעבעך אראפגעפאלן אין פגם הברית, צו זאגן די צען קאפיטלעך תהילים, טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ; דאס פארערכט דעם מענטש, מען ווערט אפגעוואשן פון אלעם שלעכטס, מען ווערט ריין.

ניגון נומער זיבן "**קינדער**". דער ניגון זינגען ערליכע משפחות וואס גייען נאך די תורה, די צדיקים; מען גייט נישט נאך די לינקע גאס פון נישט ברענגען קינדער מיט'ן טענה אז מען קען נישט האבן צייט פאר זיך אויב מען האט א גרויסע משפחה, דער ניגון זינגט: "א מחי' גרויסע משפחה, יעדע קינד ברענגט נאך הצלחה".

ניגון אכט איז "**אליינס מיט'ן באשעפער**". מענטשן זענען צעבראכן, און זאגן 'איך בין אליין, איך האב נישט קיינעם', מען פארגעסט אז מען איז נישט אליין, מען איז אליינס מיט'ן אייבערשטן, און אז מען איז אליינס מיט'ן באשעפער, מען שמועסט זיך אויס מיט'ן אייבערשטן אליינס, דעמאלט איז אליין א גוטע זאך. מען קען טראכטן שלעכט 'איך בין אליין', מען קען אבער טראכטן טיפער, 'איך בין אליינס מיט'ן באשעפער', דאס איז שוין א גרויסע מדריגה.

דער נייינטער ניגון איז "**שכוח אייבערשטער**". דער ניגון איז דער מקור הישועות, ווייל ווען מען זינגט און זאגט: "שכוח אייבערשטער פאר מיין לעבן, שכוח אייבערשטער פאר מיין ווייב און קינדער" - דאס עפנט אויף די הימלען און עס גיסט ישועות און רפואות; ווי מער מען זינגט "שכוח אייבערשטער", מען רעכנט

אויס נאך און נאך פרטים - ווערט מען נענטער צום אייבערשטן. דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן ב): **"כִּי כָל מַה שֶׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר"**, ווי מער מען דאנקט דעם אייבערשטן, **"סְמוּכִין אֵלָיו בְּיוֹתֵר"**, ווערט מען מער און מער נענטער.

דער צענטער ניגון הייסט "**כל הנשמה**". דער ניגון רעדט אויך איבער "**תודה והודאה**", דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף יעדע אטעם, אויף יעדע פרט אין לעבן.

עס איז א סידי וואס איז נישטא זיינס גלייכן, אלע ניגונים זענען געבויט אויף די ווערטער פון הייליגן רבי'ן, און מען קען ארויסנעמען דערפון לימודים אויף למעשה, מען חזר'ט מיט זיך אז איך בין נישט אליינס דער אייבערשטער איז מיט מיר, מען דאנקט דעם אייבערשטן פאר די גוטס וואס ער געבט אונז, מען הערט נאכאמאל אז מען דארף רעדן שיין צו די ווייב, מען הערט ווי דער ראש ישיבה רעדט פון סדר דרך הלימוד.

אויך מיט די פראפעסיאנאליזם האט עס זיך נישט מיט וואס צו שעמען פון אנדערע אלבומס. מען האט נישט געשוינט קיין מיה און פלאג צו אויסקלויבן צום אלבום פון דאס בעסטע און דאס שענסטע וואס איז פארהאן.

אט איז די ליסטע פון מוזיקאנטן, שפילער און זינגער פאר'ן נייעם הערליכן אלבום:

* **ארעינדזשמענטס:** סענדי ראטה * **מענער כאאר:** אברמי צוויבל * **קינדער כאאר:** שיר ושבח * **קיבארד:** סענדי ראטה, דוד ביתן, שמואל סאן * **דראמס:** אבי אבידני * **גיטאר:** יוני קיזר * **בעיס:** אבי יפרח * **מיקס און מעסטער:** אלי מלמד

מען קען עס הערן אויף קול ברסלב האטליין 212-444-9191, אזוי אויך קען מען עס באקומען ביי די מפיצים.

**אומאן**

## פסק פון דומ"ץ קרית ברסלב שליט"א איבערגעטייטשט אין די אידישע שפראך




אזוי ווי אסאך האבן געבעטן מען זאל איבערטייטשן אין אידיש דעם פסק דין פונעם דיין הרה"ג ר' יונה זינגער שליט"א דומ"ץ קרית ברסלב, לגבי טראגן די פאספארט אין טאש שבת און יום טוב, וועלן מיר עס דא ציטירן אין אידיש.

דער דיין הייבט אן זיין תשובה מיט'ן ארויסברענגען אז צוליב דעם וואס הגאון ר' אליעזר יודא קעניג שליט"א האט מתקן געווען א מהודר'דיגע עירוב פונעם בנין היכל הקודש צום הייליגן רבינ'ס ציון דארף מען דא נישט דן זיין איבער די הלכה פון טראגן אום שבת קודש.

דערנאך גייט דער דיין אריין אין א דיון איבערדעם אז א פאספארט גייט אריין אינעם גדר פון מוקצה אלס "כלי שמלאכתו לאיסור" צוליב דעם וואס עס איז רייזע שריפטן און איז געמאכט פאר א זאך וואס מען טאר נישט טון אום שבת קודש, אבער דערפאר - שרייבט דער דיין - איז עס נאך מותר צו מיטנעמען מיט זיך אום שבת ווייל א כלי שמלאכתו לאיסור מעג מען מטלטל זיין "לצורך גופו ומקומו", און דא דארף מען עס האבן צו קענען ווייזן פאר די פאליציי.

אבער דא - ווייזט דער דיין צו - קען צוקומען א פרישע איסור מוקצה, דאס איז "מוקצה מחמת חסרון כיס" וואס מיינט אז א טייערע זאך וואס מען היט אפ אז מען זאל זיך נישט סתם ארומשפילן דערמיט, איז מוקצה אום שבת, און דאס איז שוין הארבער, ווייל א מוקצה מחמת חסרון כיס איז נישט מותר לצורך גופו ומקומו.

אבער - פירט דער דיין אויס - ביי אונזער פאל ווען מען דארף עס צוליב וואס מען מוז עס ארומטראגן מיט זיך כסדר כדי צו קענען פשוט גיין פון איין פלאץ צום צווייטן, איז עס נישט מוקצה מחמת חסרון כיס, ווייל מוקצה מחמת חסרון כיס גייט נישט אן ביי א כלי שמלאכתו להיתר, דער דיין ווייזט צו אין די הערות א תשובה פונעם "עמק התשובה" אז אן אתרוג פושקע האט די הגדרה פון "מוקצה מחמת חסרון כיס" אבער פארט אום שבת קודש סוכות איז עס מותר, ווייל דאן איז עס באשטימט פאר'ן אתרוג וואס איז מותר צו מטלטל זיין, דעפאר אין אונזער פאל, ווען מען דארף האבן דעם פאספארט לצורך א זאך וואס איז מותר - ארומגיין אין שטאט ווען עס איז דא אן עירוב - פאלט אראפ דערפון דער "מוקצה מחמת חסרון כיס", און עס איז מותר צו מטלטל זיין.

דער דיין ענדיגט צו אז פארט זאל מען נישט סתם אזוי מטלטל זיין דעם פאספארט, סיי צוליב וואס שבת קודש טאר מען נישט מטלטל זיין אפילו א זאך וואס איז נישט מוקצה סתם אזוי. אזוי אויך ארומגיין מיט א פאספארט קען אויסזען ווי א וואכעדיגע זאך ("עובדא דחול"), און קען אויסזען ווי מ'איז חס ושלום מזלזל אינעם הייליגן שבת ("זילותא דשבת"), **דערפאר זאל מען אריינלייגן דעם פאספארט אין טאש, און עס נאר ארויסנעמען ווען די פאליציי פארלאנגט אז מען זאל עס ווייזן.**

ווי מיר הערן פון די איסטאנצן איז דא א מעגליכקייט אז מען וועט נישט דארפן ווייזן די פאספארט אין שבת אדער יום טוב, דאס וועט מען וויסן אביסל נענטער צו ראש השנה.

**השומר שבת כהלכתו מוחלים לו על כל עוונותיו**



# מעשיות פון תפילה

### שלום אלי' אינדיג - קרית טאהש:

איך בין א מלמד אין א גרויסע מוסד דא אין קאנאדע, איך האב געהאט אין פלאן אוועקצופארן פאר דריי וואכן און איך האב געזוכט א במקום פאר די צייט וואס איך וועל נישט דא זיין. די אלע וואס ארבעטן אין מלומדות ווייסן ווי שווער ס'איז צו טרעפן א במקום, נאכדערצו חודש תשרי ווען אסאך מענטשן פארן אוועק, ובפרט דא ווי ס'איז נישטא קיין סאך קאנדידאטן פאר דעם.

איך האב אנגעהויבן פרעגן מענטשן אבער קיינער איז נישט געווען אוועילעבל עס צו טון, ביז איך האב שוין אפילו נישט געהאלטן ביים זוכן ווייל איך האב געוואוסט אז ס'איז נישטא, אבער אונז ווייסן דאך יא פון תפילה, האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל יא טרעפן איינער וואס קען מיך איבערנעמען אין חדה, איך האב יעדן טאג געמאכט א תפילה אויף דעם: "הייליגער באשעפער העלף איך זאל טרעפן א במקום, ס'וועט זיך נאר אין דיר".

ברוך השם, עס איז געשען א נס, און איינער וועם איך האב שוין געפרעגט און ער האט מיך אפגעזאגט האט מיר יעצט געזאגט אז ער איז יא מסכים צו זיין א במקום. שכח אייבערשטער.

### מאטי היימליך - יצחק פאפנהיים :

מיר האבן געארבעט אויף די אינטערקאם אין בית המדרש היכל הקודש ירושלים אז דער ראש ישיבה זאל קענען הערן ווען מען רעדט אריין אין די אינטערקאם אין בית המדרש, אבער מען האט זיך אנגעשטויסן מיט א פראבלעם, וואס דאס האט געמאכט אז מען זאל נישט קענען גיין ווייטער, מען האט פרובירט אהער און אהין אבער עס האט נישט געארבעט.

מיר האבן זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל זיך יא נעמען ארבעטן אן קיין פראבלעמען, ווייל מיר ווילן אזוי שטארק אז דער ראש ישיבה זאל קענען רעדן צו אונז דורכן אינטערקאם. אזוי אויך האבן מיר צוגעזאגט עס צו מפרסם זיין אינעם בלעטל.

שכח אייבערשטער נאך אפאר מינוט האט זיך דער פראבלעם געלייזט און יעצט ארבעט עס שוין א מחיה.

### סענדי ראטה - קרית ברסלב:

איך האב זייער שטארק געוואלט האבן א בעט אין אומאן ביים בנין פון היכל הקודש צוזאמען מיט אנשי שלומינו, מען האט געהאט געמאלדן א געוויסע צייט וואס ביז דעמאלטס קען מען איינצאלן פאר די בעט, למעשה האט זיך עס פארשלעפט נאכן דעדליין און איך בין נישט אנגעקומען צו געבן די געלט אין צייט, אבער איך האב נישט געוואלט זיין ראש השנה אין א אנדערן פלאץ נישט מיט היכל הקודש אינגעלייט.

איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל נאך זיין מעגליך צו האבן א בעט אינעם היכל הקודש בנין, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז עס איז געווארן אוועילעבל א בעט פאר מיר, שכח אייבערשטער.

### מנחם שטיינבערג - קרית ברסלב:

מיין לייסענס פלעיט האט זיך געהאט אפגעבראכן און עס האט האלב אראפ געהאנגען, מענטשן פלעגן מיר אלס זאגן אז עס הענגט און מען דארף עס פאררעכטן, למעשה בין איך נישט אנגעקומען צו גיין פאררעכטן, אבער איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל ווערן פאררעכטן אן פארברענגען קיין איבעריגע צייט.

די וואך בין איך געווען ביים ציון פון ריבניץ זי"ע, דער גוי וואס שטייט דארט ביי די פארקינג פלאץ קומט צו צו מיר און זאגט מיר אז איך דארף דאס פאררעכטן, און איך זאג אים יא יא איך ווייס, אבער ער לאזט נישט נאך, און ער זאגט מיר איך קען דיר דאס פאררעכטן, איך פרעג אים וויפיל גייסטו מיר רעכענען פאר דעם? זאגט ער מיר איך קען דיר דאס פאררעכטן אומזינסט, וכך הוה ער נעמט ארויס זיינע קלאפער געצייג און ער האט דאס שיין פאררעכטן, איך האב מיך שיין באדאנקט און אים צוגעלייגט א באלוינונג דערפאר, שכח אייבערשטער.

סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.
שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן אִין אוּמַאן הָיי יָאר אַזוֹי וִוי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן מִיטְ'ן דַאוֶוענֶען; זָאלְסְט צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים וָואס קֶענֶען זִינְגֶען זֵיי זָאלְן שְׁטֵיין נֶעבְן מִיר בַּיים דַאוֶוענֶען הֶעלְפְן זִינְגֶען דָאס דַאוֶוענֶען אוּן דִי נִיגוּנִים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ צוּזַאמְנֶעמֶען דִי מְלַמְדִים; סַיי דִי מְלַמְדִים פוּן וִוילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן אוֹיךְ פוּן שְׁטֶעטְל, וַוייל **אִיךְ וִויל מַאכְן חֵדֶר אִין אוּמַאן פַאר אַלֶע קִינְדֶער.** מִיר פָארְן אִם יִרְצֶה ה' אַרוֹיס מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת נִצָּבִים אוּן מִיר קוּמֶען אָן דָאנֶערְשְׁטָאג נָאכְמִיטָאג, וְויל אִיךְ מַאכְן חֵדֶר פְרַייטָאג אוּן אוֹיךְ זוּנְטָאג - עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דִי קִינְדֶער זָאלְן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, מֶען זָאל לֶערְנֶען מִיט זֵיי אַבִּיסְל הַלָּכָה אוּן דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִיקִים, נָאכְדֶעם זָאלְן דִי מְלַמְדִים גֵיין מִיט זֵיי צוּם צִיּוּן זָאגְן דִי עֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים תְּהִלִּים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין וְכוּ', וְכוּ'.

שְׁמוּעֶס זִיךְ אָפּ מִיט דִי מְלַמְדִים - סֵיי פוּן שְׁטָאט אוּן סֵיי פוּן שְׁטֶעטְל, אָנְצוּגְרֵייטְן אַ פְּרָאגְרַאם; טִיקֶעטְס אוּן פְּרָסִים וְכוּ', אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן 'וֶועלְן' זַיין אִין שׁוּל אוּן נִישְׁט אַרוֹיסְלוֹיפְן וְכוּ', וַוייל בַּיי מִיר אִיז דָאס דֶער עִיקָר: "דִי קִינְדֶער"; דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ רֵיינֶע הֵיילִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): "**אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן**", אוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "**וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא**", דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְלַאם אוּן מִיט אַ פְלַאקֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

* * *

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

**אַיֶּכָּה - וואוּ בִּיסְטוּ?!** אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר! אִיךְ בֶּענְק צוּ הֶערְן פוּן דִיר! אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן אֲפִילוּ אַפָּאר שׁוּרוֹת - וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּה זַיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר **קוּם קַיין אוּמַאן;** דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָארְט וֶועסְטוּ אוֹיס'פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע.

כַאפּ זִיךְ אָן בְּלִימוּד הַתּוֹרָה; לֶערְן יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג אַ דַף גְמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "**תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ**", תַּלְמוּד אִיז דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט זִינְדִיגְן אַ מֶענְטְשׁ בִּפְגַם הַבְּרִית, אוּן מִיט גְמָרָא אִיז מֶען מְבַטֵּל דִי קְלִיפָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

# א שיחה

פון דער

## ראש ישיבה שליט"א



### מָשִׁיחַ

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן מָשִׁיחַ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:** וָואס זֶענֶען דִי סִימָנִים פוּן מָשִׁיחַ? דֶער רֶבִּי הָאט עֶס שׁוֹין אוֹיסְגֶעזָאגְט; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): "**צְוִוישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁט דָא קַיין חִילוּק, נָאר אֵיין חִילוּק אִיז דָא, בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה אוּן יֶעצְט אִיז נָאךְ דָא דִי בְּחִירָה**"; וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט - דָאס וֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן, וָואס מָשִׁיחַ וֶועט זָאגְן - דָאס זָאגְט שׁוֹין דֶער רֶבִּי.

וָואס וֶועט זַיין מָשִׁיחַ'ס דִיבּוּרִים וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט שׁוֹין מִיט אוּנְז? **מָשִׁיחַ וֶועט זָאגְן:** "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ!" "רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר".

אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ צֶעטְל וָואס עֶנְטְהַאלְט טַייטְשׁ אוֹיף דִי '**עַל חֵטְא**' וָואס מֶען זָאגְט אוּם יוֹם הַקָּדוֹשׁ, דֶעם צֶעטְל טֵיילְט מֶען אוֹיס אִין סְקוּל, שְׁטֵייט דָארְט אָנְהֵייבּ צֶעטְל: "אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִינֶען דִי טַייטְשׁ פוּן דִי וִידּוּי הָאט מֶען נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען!" דִי לֶערֶערִינְס הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן פַאר דִי תַּלְמִידוֹת נָאר דָאס, וִוי אַזוֹי אִיז מֶען נִישְׁט יוֹצֵא דִי מִצְוָה פוּן וִידּוּי?! אוּן דָאס לֶערְנְט מֶען אִין דִי סְקוּלְ'ס... פַארְוָואס דַארְף מֶען וִויסְן דִי טַייטְשׁ פוּן דִי עַל חֵטְא'ס? אִיךְ קֶען נָאכְאַלְץ נִישְׁט דִי פּוּנְקְטְלִיכֶע אָפְּטַייטְשׁ אוּן פַארְשְׁטַאנְד פוּן יֶעדֶע וִידּוּי, וָואס טַייטְשְׁט: **אָשַׁמְנוּ. בָּגַדְנוּ. גָּזַלְנוּ. דִּבַּרְנוּ דֹפִי. הֶעֱוִינוּ?!** אִיךְ טַייטְשׁ אַזוֹי: **אָשַׁמְנוּ** - אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט. **בָּגַדְנוּ** - אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט. **גָּזַלְנוּ** - אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט. **דִּבַּרְנוּ דֹפִי** - אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט. **הֶעֱוִינוּ** - אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, וָואס טַייטְשְׁט דָאס וָוארְט (שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, בְּבִרְכַּת וְלַמַּלְשִׁינִים): "**וְתַמְגֵּר**"? נָאר מֶען קוּקְט נֶעבְּן וֶועמֶען שְׁטֵייט עֶר, וָואס שְׁטֵייט פַארְדֶעם: "**תְעַקֵּר וּתְשַׁבֵּר**", וָואס שְׁטֵייט נָאכְדֶעם: "**וּתְכַלֵּם וְתַשְׁפִּילֵם וְתַכְנִיעֵם**", וֵוייסְט מֶען שׁוֹין "**וּתְמַגֵּר**" - אִיז אוֹיךְ עֶפֶּעס פוּן דִי מִשְׁפָּחָה פוּן וֶוערְן אוֹיס, עֶס זָאל גָארְנִישְׁט אִיבֶּער בְּלַייבְּן פוּן דִי רְשָׁעִים, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט: **אָשַׁמְנוּ, בָּגַדְנוּ** וְכוּ' - אַלֶעס מֵיינְט אֵיין זַאךְ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד!"

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַלֶע "**וּבְכֵן'ס**" וָואס מֶען זָאגְט יָמִים נוֹרָאִים בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אַלֶעס הָאט דִי זֶעלְבֶּע טַייטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין נִתְגַּלָּה וֶוערְן". דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּר זֶעעֶן אֵיין זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים: "דִי וָוארְט טַייטְשְׁט אַזוֹי", "דִי וָוארְט טַייטְשְׁט אַזוֹי", אוּן "אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט הָאט מֶען נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען"... **זָאג אִים אֵיין טַייטְשׁ אוֹיף אַלֶעס: "אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".** דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "צְוִוישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁט דָא קַיין חִילוּק".

# א מעשה
## פון א צדיק



### גוּטֶע בִּזְיוֹנוֹת - גוּטֶע זַאכְן

דֶער טַאטֶע פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי אַהֲרֹן הַגָּדוֹל מִקַארְלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ שַׁמָשׁ אִין אַ שׁוּל, אוּן וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִין יֶענֶע צַייטְן אִיז דֶער שַׁמָשׁ אוֹיךְ גֶעוֶוען דֶער חַזָן, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגְסְטֶער טָאג פוּן יָאר, יוֹם הַקָדוֹשׁ בַּיינַאכְט דַאוֶוענֶענְדִיג דִי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, הָאט עֶר פוּן אַלֶעם פַארְגֶעסְן אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, כָּאטְשִׁיג עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אָבֶער יוֹם כִּפּוּר כַאפְּט יֶעדְן אִיד אַ צִיטֶער אוּן מֶען דַאוֶוענְט אַבִּיסְל לֶענְגֶער, אוּן זַיין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה הָאט זִיךְ אַבִּיסְל פַארְצוֹיגְן.

דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶעטְרֶעטְן דִי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אָבֶער עֶר הָאט נָאךְ גֶעדַאוְונְט מִיט אַ דְבֵיקוּת, דֶער עוֹלָם אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַבִּיסְל נֶערְוֶועז, כָּאטְשִׁיג יוֹם הַקָדוֹשׁ בַּיינַאכְט קֶען מֶען נִישְׁט אַהֵיימְגֵיין עֶסְן אַ סְעוּדָה, אוּן עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט דָא וואוּ זִיךְ צוּ יָאגְן...

וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אוֹיסְגֶעטְרֶעטְן גֵייט צוּ אִים צוּ אַן עוֹשֶׁר אַן עַזוּת פָּנִים אוּן דֶערְלַאנְגְט אִים צְוֵויי פְּרַאסְקֶעס אִין פָּנִים... אוּן שְׁרַייט אִים אָן: צוּלִיבּ אַייךְ דַארְף דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם וַוארְטְן?!

אוּן וִוי גָארְנִישְׁט וָואלְט גֶעוֶוען הֵייבְּט עֶר אָן פָּארְזָאגְן דֶעם פִּיוּט: **יַעֲלֶה תַּחֲנוּנֵינוּ מֵעֶרֶב...** וָואס מֶען זָאגְט יוֹם כִּפּוּר בַּיינַאכְט, אוּן אַזוֹי עֶנְדִיגְט עֶר צוּ דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען כְּאִילוּ עֶס וָואלְט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט.

נָאךְ יוֹם כִּפּוּר אִיז אֵיינֶער פוּן דִי מִתְפַּלְלִים צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים גֶעבֶּעטְן מִיט רַחְמָנוּת: אִיךְ גֶעבּ אַייךְ וִויפִיל גֶעלְט אִיר ווִילְט נָאר **פַארְקוֹיפְט מִיר דִי זְכוּת פוּנֶעם בִּזָיוֹן!** אִיר הָאט גֶעכַאפְּט אַזַא בִּזָיוֹן פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט אוּן אִיר הָאט גָארְנִישְׁט צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט...! זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן... אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג פַארְגֶעסְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט פֶּעטְשׁ! אוּן אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין לַאנְג מוֹחֵל גֶעוֶוען, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען אוּן אִיךְ **פַארְקוֹיף עֶס נִישְׁט פַאר קֵיין שׁוּם גֶעלְט...!**

אִין הִימְל אִיז דֶערְפוּן גֶעוָוארְן אַ מוֹרָא'דִיגֶע רַעַשׁ, אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען אִינְגַאנְצְן אָפְּשְׁוַויגְן אוֹיף אַזַא גְרוֹיסֶע בִּזָיוֹן, אוּן עֶס זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט מַאכְן קֵיין שׁוּם רוֹשֶׁם אוֹיף אִים, הָאט מֶען אִים בַּאשָׁאנְקֶען מִיט אַזַא הֵיילִיג קִינְד וָואס אִיז אוֹיסְגֶעוָואקְסְן דֶער גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן הַגָּדוֹל פוּן קַארְלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן דִי גָאר גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף זַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם סוֹף אוּן עֶר אִיז **זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.**

(קונטרס "דערהאלט זיך ברודער")

# דֶּעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס
# לֶעבְּנסגֶעשִׁיכְטֶע

| פארזעצונג |

- ב -

**פארזעצונג פון פריער:** אִין יֶענֶע צַייט, נָאכְדֶעם וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען צוּ אִים פִּילֶע תַּלְמִידִים, גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן צְוִוישְׁן זֵיי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער תַּלְמִיד מִיטְ׳ן נָאמֶען רֶבִּי נַחְמָן פוּן דִי שְׁטָאט הוֹרִידֶענְקָא, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאְרְ׳ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דִי שְׁוֶועסְטֶער פוּנֶעם צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק פוּן דְרוּבְּהִיטְשׁ זַ״ל, אוּן זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶר זָאל אִיר טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיר פָארְגֶעשְׁלָאגְן צוּ נֶעמֶען פַאר אַ חָתָן זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ״ל.

גְלַייכְצַייטִיג הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אוֹיךְ גֶערֶעדְט מִיט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער אִיבֶּער דֶעם שִׁידוּךְ, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער שִׁידוּךְ גֶעשְׁלָאסְן גֶעוָוארְן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמְצְלַחַת.



ציון רבי נחמן הורידענקער זי״ע אין טבריה

בַּיים שִׁידוּךְ שְׁלִיסְן הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ״ל וָואס עֶר גֵייט אִים צָאלְן פַאר שַׁדְכָנוּת, אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט. הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַלֵיין גֶעזָאגְט, ״וֶוען דוּ וֶועסְט גֶעבּוֹירְן אַ זוּן, אוּן מַיין טָאכְטֶער אָדֶל וֶועט גֶעבּוֹירְן אַ טָאכְטֶער, וֶועלְן מִיר זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין, אוּן דָאס וֶועט זַיין פַאר מִיר פַאר שַׁדְכָנוּת״. הָאט רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ״ל זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, ״אָבֶּער אִיךְ בִּין דָאךְ אַ גְרוֹיסֶער יַחְסָן? אִיךְ הָאבּ אַ יִחוּס בִּיז דָוִד הַמֶלֶךְ ״, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען זַיין יִחוּס בְּרִיוו אוּן גֶעוִויזְן אַז עֶר אִיז אוֹיךְ אַ יַחְסָן, עֶר הָאט אִים גֶעוִויזְן זַיין יִחוּס בִּיז דָוִד הַמֶלֶךְ.

נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער גְלַייךְ נָאךְ דִי חוּפָּה אִיז רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ״ל פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן, אוּן זַיין פְרִישֶׁע וַוייבּ הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ עֶר אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען. זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אִיר הַארְץ אַז אִיר מַאן אִיז עֶרְגֶעץ פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן גֶעוואוֹיר צוּ וֶוערְן וואוּ עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ, אוּן זִי זָאל צוּרִיק קוּמֶען נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג.

דֶערְוַוייל הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעטוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וואוּ זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן בַּאהַאלְט זִיךְ, אוּן עֶר גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ אִים צוּ רוּפְן. וֶוען רֶבִּי נַחְמָן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער בַּעַל שָׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אַזַא זַאךְ אִיבֶּערְצוּלָאזְן זַיין וַוייבּ גְלַייךְ נָאךְ דִי חוּפָּה, הָאט רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ״ל זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז זִי וֶועט הָאבְּן אַ קִינְד פוּן אִים, אוּן גְלַייךְ דֶערְנָאךְ וֶועט זִי שְׁטַארְבְּן, עֶר הָאט זֵייעֶר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִיר אוּן דֶערִיבֶּער עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן צוּ אַנְטְלוֹיפְן.

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעלָאזְט רוּפְן זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט וָואס אִיר מַאן הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אַ קִינְד אוּן נָאכְדֶעם וֶועט זִי שְׁטַארְבְּן, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר אַנְטְלָאפְן. וֶוען זִי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זִי גֶעזָאגְט, ״אוֹיבּ מַיין מַאן אִיז טַאקֶע אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק, עֶר זֶעט זַאכְן וָואס גֵייט פַּאסִירְן, דַאן וִויל אִיךְ טַאקֶע הָאבְּן אַ קִינְד מִיט אִים״.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, רֶבִּי נַחְמָן אִיז צוּרִיק אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען, אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז בַּיי זֵיי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגֶל, וֶועמֶען מְ׳הָאט אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן ״שִׂמְחָה״. וֶוען זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דָאס קִינְד הָאט זִי זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, לָאז מִיךְ נָאךְ לֶעבְן אוֹיף דִי וֶועלְט פַאר נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ, אִיךְ זָאל קֶענֶען אַבִּיסְל זֶען אוּן הַנָאָה הָאבְּן פוּן מַיין זוּן״, אוּן אַזוֹי הָאט טַאקֶע פַּאסִירְט, זִי הָאט גֶעלֶעבְּט פַאר נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ, אוּן דַאן אִיז זִי אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט.

רֶבִּי נַחְמָן הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט נָאךְ אִיר, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי וִוי זִי הָאט גֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט צוּ לֶעבְן פַאר נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ, וָואלְט זִי וֶוען גֶעקֶענְט פּוֹעֶלְ׳ן אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל צוּ זַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה, וַוייל סְ׳אִיז דַאן גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן, זִי וָואלְט אַלֶעס גֶעקֶענְט פּוֹעֶלְ׳ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַדִיק״**

# נקודות טובות

געהערט פון אנשי שלומינו

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

רפאל יעקב גוטמאן - ארץ ישראל דערציילט:

איינער פון מיינע חברים דא אין ארץ ישראל זענען געפארן קיין לאנדאן, פאריגע וואך דאנערשטאג האט ער מיך גערופן פון לאנדאן, אינמיטן שמועסן זאגט ער מיר: "היינט האב איך געהערט א הערליכע שיעור פון דער ראש ישיבה", פרעג איך אים: "ווי אזוי האסטו גערופן קול ברסלב, רופן פון לאנדאן צו די ארץ ישראל'דיגע נומער קאסט זייער אסאך געלט, ווי אזוי האסטו געטראפן די ענגלישע נומער?" זאגט ער מיר אז ער איז געווען אין א גרויסע בית המדרש אין לאנדאן, און ער האט דארט געטראפן א קארטל מיט די ענגלישע נומער אזוי האט ער געקענט רופן די האטליין.

אשריכם לאנדאנ'ע מפיצים, מ'קען נישט וויסן וואס מ'קען אלס אויפטון מיט איין קארטל.

**נאך א נקודה וואס איך וויל צולייגן:** איך האב זייער הנאה געהאט וואס יוסי כ"ץ פון בני ברק האט געשריבן אין דעם אפטיילונג, אז אומאן איז אזוי ווי א דאקטער'ס אפיס, אלע סארט מענטשן קומען דארט אן, יעדער קומט זיך היילן ביים דאקטער.

האב איך געוואלט צולייגן נאך א זאך וואס דער ראש ישיבה זאגט, אז אסאך מאל גרייט מען זיך אן מ'גייט זיך אויסגיסן דאס הארץ ביים רבי'ן, און ווען מ'קומט אן קיין אומאן איז מען אינגאנצן אויסגעלאשן, זאל מען נישט האבן קיין חלישות הדעת, אזוי ווי א דאקטער דארף אסאך מאל איינשלעפן דעם פאציענט און נאך ער גייט אהיים זעהט ער וואס ס'האט זיך געטוישט, אזוי אויך איז אין אומאן ביים הייליגן רבינ'ס ציון.

אהרן פיש געבט איבער:

א אינגערמאן דערציילט מיר אז ער האט א חבר וואס האט זיך צוטיילט פון זיין ווייב לא עלינו, דער אינגערמאן האט אים שטארק צוגערעדט ער זאל גיין רעדן צום ראש ישיבה, דער ראש ישיבה וועט אים זיכער קענען העלפן, קודם האט ער נישט געוואלט הערן דערפון, אבער צום סוף האט ער מסכים געווען.

נאך אפאר טעג רופט ער אים וואס איז געווארן, זאגט אים דער חבר איך האב גערעדט צום ראש ישיבה, ער האט געהערט די מעשה און ער האט געהייסן מיר זאלן זיך גט'ן, דער אינגערמאן איז געווארן שאקירט, עפעס האט נישט געשטומט, דער ראש ישיבה הייסט נישט גלייך גט'ן...

נאכ'ן איבערפרעגן און זיכער מאכן, פרעגט ער אים, זאג מיר: "מיט וועם האסטו גערעדט? זאגט אים דער חבר איך האב גערעדט צו ר' ... אונזער אלטער ראש ישיבה ביי וועם מיר האבן געלערנט צוזאמען אין ישיבה ..." דער אינגערמאן האט נישט געכאפט אז דער חבר שיקט אים צום ראש ישיבה, מיט'ן ה' הידועה וואס שטעלט צוריק שלום בית, נישט וואס טיילט אפ שלום בית.

יום טוב אריה דערציילט:

עס איז געווען א שיינע שמועס מיט'ן ראש

(קונטרס "דערהאלט זיך ברודער")

ישיבה, דער ראש ישיבה האט דערציילט: "ווען איך האב געהאט די ביטערע שווערע מניעות וועגן פארן אויף אומאן ראש השנה, האט מיר מוהרא"ש געזאגט: "מיך האט מען געסטראשעט מיט א גאן, אויב איך פאר אויף אומאן גייט מען מיך שיסן, מיט דעם אלעם בין איך געפארן".

נאך א זאך האט מען געשמועסט: מוהרא"ש האט געזאגט אז צום סוף וועלן אלע חסידות'ער האבן שולן אין אומאן, מען וועט קומען פון אלע חסידות'ער קיין אומאן אויף ראש השנה. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מיר האבן געכאפט א נאנטע פלאץ אויב עס וועלן קומען אזויפיל אידן קיין אומאן, איז דאך אונזער בילדינג זייער נאנט.

נאכדעם איז מען אריין אין א שמועס וועגן דאווענען פאר'ן עמוד ראש השנה אין אומאן. האט איינער געפרעגט דעם ראש ישיבה ווער ס'פלעגט דאווענען פאר דעם, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז רבי יצחק שליט"א פלעגט דאווענען שחרית, האט יענער געפרעגט אויב עס האט נישט ווי געטון פאר רבי יצחק אז דער ראש ישיבה נעמט איבער זיין פאזיציע, האט דער ראש ישיבה דערציילט די השתלשלות הדברים ווי אזוי ער איז געווארן בעל תפילה.

עס איז געווען זומער אין יאר תשע"א אין קעמפ, דער ראש ישיבה האט גע'חזר'ט די נוסח צוזאמען מיט די בחורים, יענעם זומער איז געווען דארט מו"ה יעקב לעזער הי"ו האט ער דערציילט פאר זיין טאטן אז מ'חזר'ט די נוסח פון ראש השנה אין ישיבה, דעם קומענדיגן טאג האט רבי יצחק שליט"א אנגערופן דעם ראש ישיבה און געזאגט: "טו מיר א טובה דאווען אנשטאט מיר פאר'ן עמוד", דער ראש ישיבה האט געזאגט: "קיינמאל נישט! איך האב מיר געוואלט זיצן אין די זייט מתבודד זיין", רבי יצחק האט זיך געבעטן ביי מיר: "אויב דו נעמסט איבער דאס דאווענען פאר'ן עמוד וועל איך דאווענען פאר דיר יעדן איינציגן טאג פון יאר". אבער דער ראש ישיבה האט בשום אופן נישט מסכים געווען, דער ראש ישיבה האט געוויינט צו אים אז ער זאל אים אפלאזן.

למעשה איז רבי יצחק געגאנגען צו מוהרא"ש און אים געבעטן אויב ער קען רעדן מיט'ן ראש ישיבה אז ער זאל אננעמען צו דאווענען פאר'ן עמוד. פאר מוהרא"ש גיי איך נישט אפזאגן, אזוי ווי מוהרא"ש האט מיך געבעטן האב איך גלייך געזאגט איך בין גרייט, איך האב געזאגט פאר מוהרא"ש אז איך האב אימתא דציבורא איך האב נאך קיינמאל נישט געדאווענט פאר אזא ריזיגער עולם פון אפאר טויזענט מענטשן, האט מוהרא"ש געזאגט: "טראכט אז די דאווענסט אין א וואלד און די אלע מענטשן זענען ביימער".

### הערשל בוים דערציילט זכרונות:

א ווארט וואס דער ראש ישיבה פלעגט אסאך רעדן ביי די שיעורים. אסאך מאל זעט מען א בחור אדער א אינגערמאן זיצט אין די זייט, ער לערנט און דאווענט ער האט מיט קיינעם גארנישט, יעדער טראכט, וואוו! דער דארף נישט קיינעם, ער לעבט זיך זיין חיים טובים, ער האט מיט קיינעם גארנישט, ער דארף נישט קיינעמ'ס גוט ווארט.

זאגט דער ראש ישיבה אלס: "עס איז א טעות! וואס ווייסטו וואס יענער מאכט מיט, ער איז איינגעשפארט אין זיך, פון ווי ווייסטו אזוי זיכער אז ער זיצט אין די זייט, און ער האט זיך די גן עדן, ער דארף נישט קיינעם, אפשר איז ער א פארמאכטע צוקלאפטע נשמה, אפשר האט מען אים אלס קינד צוקלאפט און צודריקט, ער זיצט אין די זייט און ער איז מלא יסורים, ער קען נישט אנהייבן א שמועס מיט קיינעם, אפשר ווארט ער אז איינער זאל קוקן אויף אים, איינער זאל אים זאגן א גוט ווארט, איינער זאל מאכן א שמועס מיט אים". און דער ראש ישבה פירט אלס אויס: "וועסט גוט קוקן, אז דו וועסט אנהייבן יעדעם מחזק זיין אן קיין חשבונות יענער דארף עס יא יענער דארף עס נישט, וועסטו זען ווי גערעכט איך בין".

# קורצע שטריכן ארויסגענומען פון ספר הקדוש "אשר בנחל אידיש" אין בעפארגרייטונג צו ראש השנה הבעל"ט

## די גאנצע וועלט איז תלוי אין מיין ראש השנה:

עֶס הָאט מִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט אַז דוּ וֶועסְט אוֹיךְ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, ווייל אִיז דִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ה) **דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִין.** דֶעמָאלְטְס מִשְׁפָּט מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

אשר בנחל מכתב כ'

## דער צדיק רייסט איין פאר כלל ישראל:

דֶער צַדִיק אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן רַייסְט אַיין וֶועלְטְן פַאר כְּלַל נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר אִיז מְבַטֵל אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּן שְׁוֶוערֶע דִינִים, אִיבֶּער דֶעם ווייל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּם צַדִיק אוּן בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִים אוּן טוּט דָארְטְן תְּשׁוּבָה, אוּן גִיסְט טַייכְן טְרֶערְן, אוּן זָאגְט **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער צוּ דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב זי"ע וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אָט בִּין אִיךְ דָא בַּיי אִים, אִיךְ הָאבּ צֶעבְּרָאכְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת אוּן צוּרִיקְהַאלְטוּנְגֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁ אוּן אִיךְ בִּין דָא, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אוּן שְׁרַייבּ מִיר אָן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְט אוּן פַּרְנָסָה אוּן נַחַת, אוּן בַּאהִיט זָאל אִיךְ וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְן.**

אשר בנחל מכתב כ'

## נעמען א גוטער לויער פאר'ן יום הדין:

מֶען זֶעט אוֹיבּ סְ'אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ טוֹיט שְׁטְרָאף, וָואס טוּט עֶר נִישְׁט אַז מֶען זָאל אִים פְרֵיי לָאזְן? עֶר זוּכְט דֶעם בֶּעסְטְן לוֹיעֶר, עֶר גֵייט צוּם גְרֶעסְטְן שׁוֹפֵט, אַבִּי מֶען זָאל אִים שֶׁענְקֶען דֶעם לֶעבְּן, אוּן דָא קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס אַזַא גְרוֹיסֶע לֶעכְטִיגֶער צַדִיק הָאט צוּגֶעזָאגְט **'גָאר מֵיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה', 'אוּן אִיךְ וִויל אַז אַלֶע זָאלְט עֶטְץ זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה' אוּן 'אִיךְ וֶועל זִיךְ לֵייגְן אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט עֶנְק אַ טוֹבָה צוּ טוּן'**, אוּן דַיְיקָא צוּ אַזַא צַדִיק שְׁטֶערְסְטוּ דַיין מַאן פוּן צוּ פָארְן, אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין!

אִיבֶּער דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מַאכְטְס שָׁלוֹם אוּן הֶעלְף אַרוֹיס דַיין מַאן עֶר זָאל קֶענֶען פָארְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶר וֶועט פוֹעֶלְן פַאר דִיר אוּן פַאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ יָאר פוּן פַּרְנָסָה אוּן פוּן שֶׁפַע אוּן פוּן גֶעזוּנְט אוּן נַחַת אוּן סְ'וֶועט עֶנְק גָארְנִישְׁט פֶעלְן. דַארְפְסְט אַ הוֹיז? וֶועט מֶען בֶּעטְן בַּיי דֶעם צַדִיק; דַארְפְסְט נָאךְ זַאכְן? וֶועסְטוּ בֶּעטְן בַּיי דֶעם צַדִיק.

**פַּאק אַיין אַ שֵׁיין פֶּעקְל פַאר דַיין מַאן, אוּן שִׁיק אִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, וֶועט עֶטְץ בֵּיידֶע גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר אוּן מִיט אַ גְלִיקְלִיךְ יָאר אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן.**

אשר בנחל מכתב כ"ז

## ווער עס קומט צום רבי'ן ראש השנה וועט אים זיין גוט א גאנץ יאר:

לֵיידֶער זֶעעֶן מִיר וָואסְפַאַרַא אוּמְגְלִיקְן פַּאסִירְט יֶעדְן טָאג לֹא עָלֵינוּ, וִויפִיל יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְכַאפְּט אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, וִויפִיל קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט? וִויפִיל עֶקְסִידֶענְטְן פַּאסִירְן? וִויפִיל פֵייעֶרְן וֶוערְן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְבְּרֶענֶען אַלֶעס? וִויפִיל מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אָן דָאס גֶעלְט אִין אֵיין נַאכְט אוּן וֶוערְן אָרִים? אוּן וִויפִיל צָרוֹת אִיז דָא? אוּן דָא שְׁטֵייט אַ רֶבִּי אוּן שְׁרַייט פַאר זַיינֶע חֲסִידִים אוּן תַּלְמִידִים אוּן פַאר יֶעדְן אִיד: **"קוּם צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אַייךְ גוּט זַיין אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר!"**, דָאס וַוייבּ דַארְף דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר מַאן אִיז גֶעפָארְן צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מְקַיֵים זַיין דֶעם רָצוֹן פוּן צַדִיק!

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה גֶע'מִשְׁפָּט צוּ וֶוערְן פַאר

<<<<

אַ גְרוֹיסְן שׁוֹפֵט, דֶעמָאלְטְס נֶעמְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, וָוארוּם מֶען גֵייט אִים פַארְמִשְׁפָּטְן אוֹיף טוֹיט חַס וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְטְס פַארְקוֹיפְט דִי וַוייבּ אַלֶעס וָואס זִי הָאט, אַבִּי אַז אִיר גֶעטְרֵייעֶ מַאן זָאל הָאבְּן גֶעלְט פַאר אַ גְרוֹיסְן לוֹיעֶר וָואס זָאל אִים קֶענֶען פַארְטֵיידִיגְן.

אָדֶער וֶוען אַ דָאקְטֶער הָאט עֶרְפִינְדְן דֶעם בִּיטֶערֶע מַחְלָה בַּיי אֵיינֶעם לֹא עָלֵינוּ, וָואס טוּט עֶר נִישְׁט צוּ גֵיין צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער אִין דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים קֶענֶען הֵיילְן? עֶר קַארְגְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, דָאס גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ טְרַייבְּט אִים: "פָאר צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, אַבִּי דִי זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה מַיין גֶעטְרֵייעֶ מַאן!" אוּן דָא אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס מֶען אִיז דַן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן מַאן, וַוייבּ, קִינְדֶער; אוּן דֶער מַאן הָאט בַּאשְׁלָאסְן עֶר פָארְט צוּ אַזַא גְרוֹיסְן אוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר, פַארְטֵיידִיגְט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר קוּמְט צוּ אִים עֶר זָאל הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים, **עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער וָואס עֶר הֵיילְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן עֶר פּוֹעֶל'ט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן עֶס זָאל אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן אַ גַאנְץ יָאר.**

אשר בנחל מכתב כ"ז

## פארוואס דאגה'נען אויב דו ביסט געווען אין אומאן:

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ בַּאקְלָאגְן אַז דוּ הָאסְט דַאֲגוֹת, נָאכְדֶעם וָואס מִיר הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט "וָואס הָאט אִיר צוּ זָארְגְן אַז אִיךְ גֵיי פַאר אַייךְ", אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט "**וֶוער עֶס אִיז בַּיי מִיר גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף עֶר גָארְנִישְׁט זָארְגְן נָאר אַ גַאנְץ יָאר זַיין פְּרֵיילִיךְ מִיט דֶעם**" אִיז וִוי קוּמְט דָאס אַז דוּ בִּיסְט מִיט דַאֲגוֹת?

אשר בנחל מכתב רס"ד

## דער הייליגער רבי איז מתקן מענטשן וואס האבן א גאנץ יאר נישט קיין תיקון:

אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם, וָוארוּם דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט קֶען עֶר פַארְרֶעכְטְן אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי גֶעפַאלְן וָואס אַ גַאנְץ יָאר אִיז אִים שְׁוֶוער זֵיי מְתַקֵן זַיין, אָבֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר אַלֶעם מְתַקֵן זַיין, וּבִפְרַט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִין מֶען מִשְׁפָּט אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען מוּז הָאבְּן בַּיי אַ מִשְׁפָּט אַ גְרוֹיסְן לוֹיעֶר, אַ אַדְוָואקַאט, אִיבֶּערְדֶעם **זֶעה צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה,** אוּן דוּ וֶועסְטוּ זִיךְ אוֹיסְפּוֹעֶלְ'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר פַאר דִיר אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

אשר בנחל מכתב רפ"א

## די גאנצע וועלט דארף זיין ביי מיר אויף ראש השנה:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אֲפִילוּ נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת, אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר פּוֹעֶלְ'ן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס אַ גַאנְץ יָאר אִיז שְׁוֶוער צוּ פּוֹעֶלְ'ן נָאר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לֵיידֶער פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן אִיז מוֹנֵעַ מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֵוייסְט גַאנְץ גוּט וָואס עֶס וֶוערְט פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיבֶּערְדֶעם טוּט עֶר אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּ שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי תַּחְבּוּלוֹת, קוֹדֶם אִיז דָאס וַוייבּ אַ גְרוֹיסֶע מְנִיעָה, זִי שְׁטֶערְט דִי מַאן פוּן קוּמֶען מִיט אַלֶע מִינֵי אוֹיסְרֵייד, אוּן נָאכְדֶעם אִיז דֶער מְנִיעָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט מְנִיעַת הַמוֹחַ, וָוארוּם עֶס קוּמֶען דָארְטְן צוּזַאם מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע עֶרְלֵיי פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶס פַאלְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ חַלִישׁוּת הַדַעַת, הַזֹאת נָעֳמִי? אַזוֹי דַארְף מֶען אוֹיסְזֶעהְן? וָוארוּם עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אַסַאךְ קַשְׁיוּת.

אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן? מַיין הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) **גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶס אִיז אַ פֶּלֶא בַּיי מִיר אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי גְלֵייבְּן אִין מִיר פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַ גַאנְץ יָאר,**

וִוידֶערְאוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם סִימָן ת"ה) **מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דָאס מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, לֹא מִיבָּעְיָא עֶטְץ אַלֶע דַארְפְט עֶטְץ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דַארְף זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

אשר בנחל מכתב ש"ה

<<<<

## מען זעט אפענע מופתים ביים ציון:

**עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס אַלֶע וָואס זֶענֶען נָאר אֵיינְמָאל גֶעוֶוען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבֶ׳ר חֲסִידִים, ווִילְן זֵיי שׁוֹין פָאְרן יֶעדֶעס יָאר,** וָוארוּם דָאס חַיוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט וָואס מֶען שְׁפִּירְט דָארְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ. וּבִפְרַט דָאס אָן אַ שִׁיעוּר יוּנְגֶעלַייט דֶערְצֵיילְן אָפֶענֶע מוֹפְתִים וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי, יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיפְגֶערָאכְטְן גֶעוָוארְן דֶעם יָאר, וָוארוּם זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְטְן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַז זֵיי דַארְפְן הָאבְּן קִינְדֶער.

אַזוֹי אוֹיכֶעט אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּרְנָסָה אוּן הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע שְׁטֶעלֶע פוּן פַּרְנָסָה, ווִיפֶער זֵיי זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן הָאט מֶען זֵיי שׁוֹין אָנְגֶעטְרָאגְן אַ גוּטֶע שְׁטֶעלֶע פוּן פַּרְנָסָה.

**אוֹיךְ זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע מוֹפְתִים** וָואס דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אָפְּגֶעזָאגְט לֹא עָלֵינוּ לֶעבְּן פוּן אַ וַוייבּ אָדֶער פוּן קִינְדֶער, אוּן דָארְטְן הָאט מֶען גֶעפּוֹעֶלְ׳ט רְפוּאוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, אוּן דָאס אִיז נִישְׁט סְתָּם מַעֲשִׂיּוֹת, דָאס קֶען מֶען פְּרֶעגְן אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען דָארְטְן גֶעוֶוען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבֶּעטְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט.

אשר בנחל מכתב שי״ז

## א פרוי זאל טרייבן איר מאן מיט א שטעקן קיין אומאן:

אִיךְ הָאף אַז יֶעדֶע פְרוֹי וָואס זִי דַארְף הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה, נָאכְ׳ן אִיבֶּערְלֵייעֶנֶען דֶעם קוּנְטְרֵס **״רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִּיקִים״** וֶועט זִי טְרַייבְּן אִיר מַאן מִיט אַ שְׁטֶעקְן זָאלְסְט אָנְבַּאדִינְגְט פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן בְּרֶסְלֶבֶ׳ן רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן צִיוּן אַ גַאנְצְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְסְטוּ דָארְטְן זִיצְן אוּן בֶּעטְן אוּן אוֹיסְפּוֹעֶלְ׳ן פַאר אוּנְז אַ גְרוֹיסְן יְשׁוּעָה, גֶעזוּנְט פַּרְנָסָה נַחַת אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אשר בנחל מכתב שי״ז

## אומאן איז ווי א שפיטאל:

אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט אִין אַ שְׁפִּיטָאל, אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּטוּהְן מִיט דִי נִירְן, אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט זַיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁטֵיינֶער פוּן דִי נִירְן, עֶר קוּמְט אִין שְׁפִּיטָאל, זֶעהְט עֶר, דֶער אִיז בַּאנְדֶעזְשִׁירְט דִי קָאפּ דֶער אִיז בַּאנְדֶערְזְשִׁירְט דִי אוֹיגְן, דֶער אִיז בַּאנְדֶערְזְשִׁירְט דִי הַאנְט, דֶער אִיז דִי פִּיס, דֶער הָאט אִינְטֶערְוִוינֶעס אִין דִי הַאנְט, דֶעם גֶעבְּט מֶען בְּלוּט טְרֶענְסְפְּיָאזְשֶׁען.

טְרַאכְט עֶר וָואס הָאבּ אִיךְ דָא צוּ זוּכְן? אִיךְ הָאבּ דָא נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּקוּמֶען, גֶעבּ אַ קוּק וָואס דָא זֶעהְט זִיךְ אוֹיס, חַס וְשָׁלוֹם אַ מְשׁוּגֶען הוֹיז, גֵייט עֶר אַוֶועק, אִיז דֶען דָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שׁוֹטֶה וִוי עֶר? דוּ דַארְפְסְט זִיךְ דָאךְ קוּמֶען הֵיילְן דַיינֶע נִירְן, אֵיי דִי זֶעהְסְט דָארְטְן פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי קְרַאנְקֶע, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר צוּטוּהְן, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ הֵיילְן זַיין מַחֲלָה.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, **אַוַדַאי זֶעהְט מֶען דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דָאס דַארְף דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין,** דוּ דַארְפְסְט קוּקְן נָאר אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ תִּיקוּן, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אִיז זִיךְ אַרַיין אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אַוַדַאי אִיז דָארְטְן דָא אַלֶע סָארְטְן עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן, אוּמְגֶעוואוּנְטְשֶׁענֶע גֶעסְט, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, וֶוער סְ׳קוּמְט הָאט אַ תִּיקוּן, אוּן מְמֵילָא דַארְף אִיךְ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אִיךְ דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף מִיר, אוֹיף מַיין וַוייבּ, אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער.

אשר בנחל מכתב שמ״ב

## צו פארן קיין אומאן מעג מען בארגן:

אִיז נִישְׁט קַיין ווָאוּנְדֶער וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַזוֹיפִיל מְנִיעוֹת צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם **דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וִויל נָאר זֶעהְן וִוי אִידְן פַּיינִיגְן זִיךְ**, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן! כַּאפּ דַיין פֶּעקְל אוּן קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז ״אוֹיף הוֹצָאוֹת אוֹיף אַהִין אוּן צוּרִיק, וֶוער סְ׳קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה גַארַאנְטִיר אִיךְ״**, אִיבֶּערְדֶעם קֶענְסְטוּ בָּארְגְן גֶעלְט פַאר אַ טִיקֶעט, אוּן קוּמֶען, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶועט דִיר דָאס צוּרִיק בַּאצָאלְן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן.

אשר בנחל מכתב שמ״ו

בס"ד

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק

אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בנעטל




יעדע וואך

ביי אייער

טיר

פאר בלויז

$3.99

## צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין

אדער שיקט א טעקסט צו:

# 718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

תוכנ'דיג און ציענדיג

וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט אייך אליין

282 • DESIGN | 845.406.4250

# קלאסיפיידס

KB HEALTH

גרויסע אויסוואהל פון

**כשר'ע וויטאמינ'ס**

אייך צו האלטן פריש און געזונט



פאר יונג און אלט

We are here to help you choose the right vitamins.

The Zussman Family

**845.293.0418**

KBhealth18@gmail.com




א שיינע דריי בעדרום דירה צו פארדינגען אין
שטעטל פאר די נעקסטע חודש ביי
177 denman RD.

מען קען עס אויכעט דינגען אויף שבתים

רופט ישראל פוקס אויף איינע פון די צוויי נומערן
845.244.0674 – 845.787.3762

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בידנבוים – 347-549-5625

## Catskill Messenger Service

**מיר טראגן פעקלעך טעגליך**

קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.

און צוריק ביינאכט

מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקילס, און קרית ברסלב ליבערטי.

פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר

ברוך אפעלדארפער
914-705-9524

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טויין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודה שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

Electrolysis, Tinting, Waxing

Please call

N. A. Appeldorfer

845-537-9681

# קלאסיפייד




NEW SHUTTLE ROUTES AS FOLLOWS

Sunday to Thursday

10:00 10:45 11:30 12:15 1:00 1:45 2:30.

Friday is closed.

Bez"h will be punching cards available $40 adult $30 child. We also accept cash or credit card.

Memberships will no longer run.

*order by texting the shuttle line 845-206-9114 your name, address, destination and route.

*for questions feel free to contact the manager 845-720-0847

*we go local in Shtetl and to Cheder!

Thank you for using the shuttle!

איך ווילט אוודאי האבן א חלק אין הפצה, צושפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות פאר די גאנצע וועלט.

איך קענט אויך האבן א חלק אין דעם דורך דעם וואס איך העלפט אונז ארויס צושפרייטן די גליונות אין אלע היימישע געגענטער.

די זכות איז גאר גרויס.

צו נעמען א חלק ביטע רופט יענקי פיש

917-474-6118

UPSCALE LAYETTE AT SNATCH ME UP DEALS!

# SECRET TO THE WELL DRESSED BABY

FOOTIES WITH MATCHING HATS
Starting at $20!

# bambolìna

Baby Boutique

mon tresor bebe | citrine layette coutour | kipp | bee & dee | pippin | ely's & co | winks n blinks

**78 Denman Rd • Liberty, NY 12754 • 917 538 2832**
**open all year 'round • phone orders welcome**

**VISIT OUR POSH BOUTIQUE FOR AN UPSCALE SHOPPING EXPERIENCE**

# קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג



## בַּיים רֶבִּינ׳ס צִיּוּן קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל׳ן

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיר זָאלְט גֶעדֶענְקֶען אַז וֶוען מִיר קוּמֶען אִין אוּמַאן אִיז נִישְׁט קַיין צַייט אַרוּם צוּ גֵיין אִין דִי גַאסְן קוֹיפְּן פְּרֵייזֶעס; מֶען דַארְף גֵיין צוּם צִיּוּן אוּן דָארְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, בַּיים צִיּוּן קֶען מֶען פּוֹעֵלְ׳ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן, אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ.

הֶערְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַ בַּאגְלֵייבְּטְן אִיד פוּן פְּרִיעֶרְדִיגְן דוֹר. דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, פְּלוּצְלוּנְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִיד, עֶר הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ זַיין זוּן, דֶער קִינְד הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַּארַאלִיזִירְט אוֹיף זַיינֶע פִּיס רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעטְרָאגְן אוֹיף זַיינֶע אַקְסְלֶען, דֶער אִיד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ זַייט אוּן גֶעוַוארְט וִוילַאנְג אַלֶע וֶועלְן אַהֵיים גֵיין.

נָאכְמִיטָאג, מַמָּשׁ בַּיים זְמַן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען אַלֶע גֵייעֶן צוּם קְלוֹיז דַאוֶונֶען מִנְחָה הָאט דֶער אִיד צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע שְׁטוֹיבּ פוּן צִיּוּן צוּ אֵיין פְּלַאץ, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעזֶעצְט זַיין קִינְד אִין דִי שְׁטוֹיבּ אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן אוּן גֶעוֵויינְט אַז זַיין זוּן זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פִּיס.

דֶער אִיד וֵויינְט אוּן וֵויינְט, פְּלוּצְלִינְג שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶער קִינְד אוֹיף זַיינֶע פִּיס גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם קְלוֹיז דַאוֶונֶען מִנְחָה מִיט זַיין טַאטֶע, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא׳דִיגֶע וואוּנְדֶער פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן דָאס צוּגֶעקוּקְט.

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וואוּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן צַאמְנֶעמֶען דִי שְׁטוֹיבּ פוּן צִיּוּן אוּן אַרַיינְזֶעצְן זַיין קִינְד אִין דֶעם, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ פַּשְׁטוּת: ״פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (מַעֲשֶׂה ג׳), וואוּ דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הִינְקֶעדִיגֶער הָאט גֶעהֶערְט וִוי דִי זוּן זָאגְט פַאר דִי לְבָנָה אַז עֶס אִיז דָא אַ שְׁטוֹיבּ וָואס אוֹיבּ מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי פִּיס אִין דִי שְׁטוֹיבּ וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט״; דֶער טַאטֶע פִירְט אוֹיס: ״וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא הֵיילִיגֶע שְׁטוֹיבּ וִוי דִי שְׁטוֹיבּ פוּן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן, וואוּ אַלֶע קוּמֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דִי שְׁטוֹיבּ אִיז הֵיילִיג״.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער גֵייט צוּם צִיּוּן אוּן וֵויינְט אַייךְ אוֹיס דָאס הַארְץ בַּיים צִיּוּן, בֶּעטְס דָארְט וָואס אִיר דַארְפְט; בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן קֶען מֶען זִיךְ אַיינְ׳עַקְשֶׁנֶ׳ען, מֶען קֶען דָארְט אַלֶעס פּוֹעֵלְ׳ן.



„הֶעלְךְ מַיין זוּן זָאל קֶענֶען גֵיין!“

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

**אדל שטיינבערג תחי׳ פון קרית ברסלב פארציילט:**
איך בין געגאנגען שווימען זומער, נאכדעם וואס איך בין ארויסגעגאנגען האב איך געזעהן אז איך טרעף נישט די אויערינגלעך.




# נאך וועם הייס איך?

**איך הייס:** שלום זאב מינצבערג נרו יאיר

**נאך:** מיין זיידע הרה״ח ר׳ וועלוויל אייזנבאך עליו השלום

## אביסל איבער אים

ער איז געווען זייער א גרויסער צדיק, ער פלעגט אויפשטיין יעדן טאג פארטאגס און געגאנגען צום שער השמים דאווענען און זאגן תהלים.

ער איז געווען א מלמד אסאך יארן ער האט אריינגעלייגט אין די קינדער תורה ויראת שמים, די איבעריגע צייט פלעגט ער זיצן און לערנען, יעדע זאך וואס ער האט נאר געדארפט האט ער געבעטן פונעם אייבערשטן, אויך פלעגט ער טון אסאך חסד מיט אנדערע ווען ער האט נאר געקענט.

איינמאל ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער געהערט קולות פון זיין הויז, א מייז איז אריינגעלאפן אינדערהיים און אלע קינדער האבן זיך דערשראקן, ער האט זיך אבער נישט פארלוירן, נאר ער האט גלייך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן ער זאל נישט מורא האבן פונעם מייז, ער האט גענומען א שאוול מיט די פילסטע רואיגקייט, די מייז איז ארויפגעקראכן אויף די שאוול און ער האט עס ארויסגעטראגן.

ער איז נפטר געווארן אין טיפן עלטער פון 102 יאר אלט, די צווייטע טאג ראש השנה תשע״ב.

איך האף צו אויסוואקסן אזוי ווי אים און בעטן דעם אייבערשטן יעדע זאך.

**געשריבן דורך:**
*וועלווי מינצבערג בית שמש - 8 יאר אלט*



**אויפן בילד:**
״הרה״ח ר׳ וועלוויל אייזנבאך ז״ל״

# טרעף
## די פאלגנדע ווערטער

די נייע סידי "איך בין נישט אליין" האט צען ניגונים הערליך אראפ געזונגען דורכן ראש ישיבה שליט"א

**"תפילה" "תורה" "שלום בית" "אמונה" "ממלא כל עלמין" "תיקון הכללי" "קינדער" "אליינס מיטן באשעפער" "שכוה אייבערשטער" "כל הנשמה"**

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א | ל | י | י | נ | ס | מ | י | ט | נ | ב | א | ש | ע | פ | ע | ר | ק | ד | א | ע | ת | ש | ז |
| ז | כ | ע | פ | ז | ז | מ | ח | ג | ו | ע | ר | ע | ח | י | ד | ו | ח | ה | ח | נ | ל | כ | צ |
| ת | ו | נ | מ | מ | ל | א | כ | ל | ע | ל | מ | י | נ | ק | ר | ה | ש | נ | נ | א | ש | ו | צ |
| ת | צ | ד | א | ס | ר | ר | מ | נ | י | ג | ו | נ | י | מ | ת | צ | כ | ג | מ | י | ז | ח | ז |
| ה | א | ח | ר | א | י | ז | י | ו | ק | ה | ע | ה | ל | י | פ | ת | ט | י | י | ש | ט | א | כ |
| ש | ה | ה | פ | ש | ת | ד | א | י | נ | ל | ד | ז | ב | א | כ | ו | ו | א | ד | ל | א | י | מ |
| ק | ק | ע | א | ב | כ | א | י | ת | ל | ה | ת | מ | ו | ש | ג | צ | כ | ט | ש | ט | ס | י | נ |
| ת | ע | ר | ר | ט | כ | ר | ה | צ | כ | י | ו | ר | ו | נ | ר | ע | ד | נ | י | ק | פ | ב | א |
| ס | ר | ז | צ | ל | ק | ב | ע | א | ד | ל | ח | א | ד | מ | ג | צ | א | ל | ח | ו | א | ע | ל |
| ע | י | י | נ | ח | י | צ | ג | פ | ש | ה | ר | ו | ת | ע | ה | ע | ש | י | ז | מ | י | ר | י |
| צ | ג | ד | כ | ה | צ | כ | ע | י | ו | ז | ר | ח | י | ב | ב | ל | נ | פ | ס | ס | ש | ש | מ |
| צ | ש | ט | י | ת | י | ק | ו | נ | ה | כ | ל | ל | י | נ | י | ה | ט | ר | י | ת | ע | ט | ת |
| ג | פ | ל | ת | ג | ו | ה | מ | ש | נ | ה | ל | כ | י | צ | ש | צ | ד | ו | נ | פ | ב | ע | ג |
| ר | כ | נ | א | י | כ | ב | י | נ | נ | י | ש | ט | א | ל | י | י | נ | ג | כ | ו | ת | ר | א |






רעליף נחמן נתן אנקומען צו הערן די נייע סידי "איך בין נישט אליין"



# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 4 | | | | 2 | |
| 1 | | | | 4 | |
| | 5 | | | | 1 |
| | | | | | |
| | | 4 | 2 | 6 | |
| | | 6 | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 2 | | 4 | | | 9 | | 5 | 1 |
| 8 | 3 | | 1 | 4 | | 9 | 7 | |
| | 1 | | | | 3 | | | 2 |
| 1 | | 3 | | 5 | | | 4 | |
| | 8 | | 7 | | 4 | | 1 | |
| | 6 | | | 3 | | 8 | | 5 |
| 3 | | | 4 | | | | 6 | |
| | 4 | 1 | | 8 | 5 | | 9 | 7 |
| 7 | 9 | | 2 | | | 5 | | 4 |



## א׳ שיעור מיטן רבי׳ן

### אֱמֶת

**מ.** מֻתָּר לְשַׁנּוֹת, כְּדֵי לְהַצִּיל אֶת עַצְמוֹ.

**טייטש.** מֶען מֶעג טוּישְׁן פוּנֶעם אֱמֶת, כְּדֵי זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען.



## חידות אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט:**

**יא ... נישט ...**

**יא ... נישט ...**

**יא ... נישט...**

**אבי זיין מיר אויף ראש השנה.**

------------------------------

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: די הייליגע חכמים זאגן: ווער עס עסט דריי סעודות שבת רופט מען אויס אויבן אין הימל אז ער

ענטפער: האט אמונה

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**חי׳ שרה יאקאבאוויטש תחי׳ -בלומינגראוו**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה
# פרשת כי תצא?

## פון אויבן אראפ.

1. בעט דעם אייבערשטן איר זאלט זיין _____, פאזיטיוו
2. מיט _____ וועסטו אלעס איבערדרייען
3. נאר דורך תורה ותפלה וועט די _____ האבן א קיום
6. ביים רבי'ן איז געווען דאס ערשטע, לעצטע און וויכטיגסטע זאך, _____
8. ווייס און גלייב אז _____ איז דער אייבערשטער
9. העלפן דעם רבי'ן וועט נישט _____ פאר א שידוך
10. אלע רפואות פון די וועלט ליגן אין _____ _____
12. דער רבי שטארקט מיין אמונה, ער בלאזט אריין אין מיר א _____ אין עבודת השם
14. דאנק דעם אייבערשטן יעדן טאג פאר _____ מינוט אין איין צו, וועסטו האבן א גרויסע ישועה

## פון רעכטס צו לינקס.

4. א _____ געכאפט און פרייליך געקלאפט
5. קום אין _____ מיט דרך ארץ
6. גיי יעדן טאג אביסל _____, שטעל זיך נישט אפ פאר קינעם
7. זע צו לערנען יעדן טאג דעם _____ גמרא
11. דער רבי האט די _____ צוריק צו ברענגען די גאנצע וועלט צום אייבערשטן
13. דורך רעדן ווייך און שיין קען מען _____ דעם הארטסטן מענטש
15. זיי קלוג, גרייט זיך אן אין די _____ יארן מיט אסאך משניות און גמרא
16. יעדעס יאר ביים _____ _____ זאלט איר זיך מקבל זיין נאך א גוטע זאך
17. וואויל איז דעם וואס פאלגט די _____ בתמימות ופשיטות
18. וואויל איז פאר די פרויען וואס _____ זייערע מענער קיין אומאן






# בילדער
## אפטיילונג







**סעודת ברית פון הילד שלום יואל נ"י בן ר' אשר לעמל זוסמאן הי"ו - ג' כי תצא**







**פרייליכע חתונה אין ישיבה פון החתן יודא אייזנער הי"ו ג' כי תצא**







**פרייליכע חתונה אין ישיבה פון החתן יוסי מערמעלשטיין הי"ו - ד' כי תצא**



קרעדיט: יואל הכהן

**פרישע וואסער טאנקען אינסטאלירט ביים בנין היכל הקודש אין אומאן**



קרעדיט: שלמה רייס

**עצתו אמונה פארברענג אין שטאט לאנדאן ליל ששי שופטים**



קרעדיט: ישראל פוקס

**בית הדפוס אין אומאן צוריק געעפענט**



קרעדיט: יואל הכהן

**בית הדפוס אין שטעטל דרוקט דעם נייעם סידור "איך בין נישט אליין"**



קרעדיט: לייבי ראטה

**דער ראש ישיבה זאגט מזל טוב ביים תנאים פון זיין קרוב מו"ה יחזקאל ראטה הי"ו**



קרעדיט: בערי שניטצלער

**די חשובע בודקים ביים פארעכטן די עירוב אין שטעטל ערב שבת כי תצא**



קרעדיט: שלמה גוטוויין



קרעדיט: שלמה גוטוויין

**מלוה מלכה מיט די בחורים ביים ראש ישיבה אינדערהיים - מוצאי שבת כי תצא**

בס"ד

# אתרוגי ברסלב

## מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר פארקויפן

## ד' מינים

אין קרית ברסלב 181Huschke Rd.

זונטאג  מאנטאג און דאנערשטאג  פרשת האזינו

ביי מנחה מעריב

אין וויליאמסבורג 27Skillman st.

נאכ'ן שיעור פונעם ראש ישיבה שליט'א




ר'  בנציון יאקאבאוויטש 347-585-9054

ר'  יחזקאל שארף 917-936-6079

# לאקאל קאר סערוויס

## מיר זענען דא אייך צו באדינען אין די קעטסקילס בערג א גאנץ יאר מיט לאקאל טריפס.



ווי אויך האבן מיר א סערוויס צו אראפגיין ביי אייער הויז אויב עס מאכט זיך מען דארף דארט זיין און זיך טרעפן מיט א ארבעטער אויפ'ן פלאץ וכדומה.

**רופט יצחק אהרן וויינבערג**

# 347-304-1486




# פסק דין

## פון הגה"צ מקארלסבורג שליט"א

### אודות טלטול הפאספאר"ט בשבת ויום טוב

להו"ו

עש"ק לסדר וקמת ועלית אל המקום ו' אלול תשפ"ב לפ"ק

פעיה"ק מירון מקום מנוחת רשב"י ור"א בנו זיעועכי"א

**כבוד בני בכורי הגה"צ רבי יואל שליט"א ראש ישיבת תפארת התורה ברסלב יצ"ו**

אודות מה שבקשת שאחווה דעתי בענין מה שיהי' בזה צורך רבים כדלהלן!

**שאלה!** בעיר אומאן במדינת אוקריינא שרבים מאחינו בנ"י נוסעים לשם על ר"ה, ומחמת מצב המלחמה מוכרח כל אחד המסתובב בחוץ להיות בכיסו הפאספארט, מה הדין לגבי שבויו"ט.

**תשובה!** הנה אם הי' השאלה בשביל איסור הוצאה הי' קשה עלי להתיר, דאע"פ דבסי' ש"א סעי' כ"ג כתב הרמ"א לגבי אותן עגולים ירוקים שגזרה המלכות שכל יהודי ישא א' מהן בכסותו, שמותר לצאת בהן אפילו אינו תפור בכסותו רק מחובר שם קצת יעיי"ש, וכן ממה שמבואר ברש"י שבת נ"א ע"ב ד"ה במה דמידי דמנטרא ביה בהמה הוי תכשיט ואורחא, ולא הוי משאוי, מ"מ התם מיירי כשחגור בו וכן עגולים ירוקים מחוברים עכ"פ קצת להבגד, ועיי' מ"ב שם ס"ק פ"ג דחשיב מלבוש ועיי"ש בהנו"כ והפוסקים, משא"כ פאספארט אין גזרת המלכות שיהי' בבגד וגם אין נושאין כן תמיד, ועיי' בעמה"ת ח"ד סי' י"ג וח"ט סי' ל"ב לענין זייגער בהוצאה, דלהתיר הוצאה צריך אחת מג' דברים שייחשב כצורך הגוף, א' לבישה ב' קישוט ג' רפואה, ובנ"ד אין אחד מאלו.

וראיתי בחלקת יעקב או"ח סי' צ"ו שרצה להתיר כעין זה מטעם הא דהט"ז שם בס"ק י"ב, מתיר לילך בשבת עם מקל בחורף על מים הנגלדים שקורין אייז, משום דבעית לילך, ודן לפ"ז דמה לי מורא שמים או מורא בשר ודם, אכן הוא בעצמו דחה לחלק

דשאני מקל דחשוב לגביו כרגל שלו יעיי"ש, ובכל אופן הדבר חמור יותר להתיר ההוצאה בזה, בפרט שהרי יכול להשאר בביתו, וכפי ידיעתי הרי יש לך בהמקום אש"ל מלא עם ביהמ"ד ומקוה טהרה, ומתאים ע"ז מה שכתב אמ"ו בעמה"ת ח"ו סי' תק"ז לגבי כהנים דאם מניעתן בהשתטחות על הציון הוא משום ציוי תוה"ק, אזי נחשב להן כאילו השתטחו יעיי"ש, אבל כ"ז אין נפק"מ דהרי כפי שאמרת יש עירוב כשר המוקף כל השטח, וא"כ בעינן לברורי כאן רק באם איכא בזה סרך איסור מוקצה.

ובעמה"ת ח"י סי' י"א לענין מכשיר הוואקי-טאקי לחברה הצלה ושומרים וכדו', ביאור דאפי' נומר דהוי חסרון כיס, מ"מ כיון שנצרך להן כמה פעמים ביום לצורך פקו"נ, הוי ככלי המיוחד לצורך היתר, ולפי מה שמבואר ח"ב סי' י"ג הלא אין בכלי היתר משום מוקצה מחמת חסרון כיס, ומש"כ המג"א בסי' ש"ח ס"ק י' דנייר מיחשב כח"כ, כבר אמרו דבזמנינו אינו חשוב, וגם אמ"ו ז"ל שכ' דדרוקסורט לעדר-העד מיחשב ח"כ, כ"ז הוא לפני שנים רבות, ולא בזמנינו דמצוי ושכיח בניקל לעשות קאפיס, ועוד י"ל דכשחוק המלכות מחייב לשאתו וכשימצאוהו כשאין עמו ענוש יענש, ודאי לא גרע מלצורך גופו שצריך לעצם הטלטול, וזהו תכליתו שיהיה עמו, אכן במחמת ח"כ לא שרי לצורך גופו"מ.

ולכאורה איכא לסמוך ג"כ מהא דבסי' של"ד סעיף ב', דלספר התרומה סי' רכ"ו במקום פסידא אין לחוש לאיסור מוקצה, ושרי לטלטל מעות להציל מאנסים, ואף דבמג"א שם ס"ק ג' כ' דדייקא כשהדבר בהול וחיישינן שיבוא לידי איסור דאורייתא, אכן אפשר דגם בנ"ד יוכל לבוא ע"י המניעה לקצת סכנה.

ובעיקר מה שנ"ל בזה ההיתר הוא, דכל הני דמצינו בהו מוקצה מחמת חסרון כיס, הוא בדברים דקפדי עלייהו משום דמיפגמי ומקצה להו בידים, ועיי' שבת קכ"ג בתוד"ה וסכינא דסכין ששוחטין בה שמקפיד שלא תיפגם, והיינו שמחמת התשמיש עלולים להתקלקל, וכן הניירות דהבאנו לעי' הוא משום שיקרעו וכדו', אבל הא שמתיירא שלא יאבד מחמת יקרותו זה לא מיחשב ח"כ, ובכן כאן בפאספארט שאינו נפחת ועשוי לכאין בו משום ח"כ.



ולכל היותר אף שאין לנו להוסיף ולומר על כל דבר שאית ביה זילזול שבת, עכ"ז עצתי אמורה בזה שישימו בו קונטרס קטן של עשרה קאפיטלעך, באופן שהפאספארט יהי' לו ככיס ונרתיק, ואולי יהי' ג"כ מיחשב כקמיעה דאיתמחי להנצל ממקרים רעים, ועיין בתשו' מהרש"ל סימן מ"ז, לענין קמיעות שאינן מומחין כלל אפי' לענין הוצאה, דה"ה לכל הקמיעות שעושין מפני דאגת המזיקן ורו"ר דשכיחי לפגוע דשרי, ובפרט לדידן דלית לן רה"ר מותר לצאת כיון שאין בה חיוב חטאת עיין שם, ובכן שפיר יכולין באופן זה לטלטל בהכיס הפאספארט, וקורא אני עליהן שצדיקין נחתמין לאלתר, דכל אותן שהן טפלים ודביקים בצדיקי אמן נחתמו כבר לשנה טובה ומבורכת אס"ו.

**הכו"ח אביך המעתיר בעדך כל הימים**

**הק' משה רוטה**